ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# חכמת שלמה

אידיש

**672**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספר

# חכמת שלמה

אונד דיזען ספר ווערד ערציילט זייער ווינדערליכע מעשיות און התנהגות פון דעם הייליגען צדיק ר׳ שלמה זצ״ל קלוגער דער מחבר פון ספר „חכמת שלמה" על ארבעה שולחן ערוך.

---

מיר האבען דאס איבער געזעצט אויף זארגאן כדי יעדער זאל וויסען דאס גרויסקייט פון דיזען הייליגען צדיק זכותו יגן עלינו.

בהוצאת בית מסחר הספרים שי׳ ר׳ אברהם כהנא נאלעווקא 39

ווארשא

שנת תרפ״ד לפ״ק



רחוב בירושלים העתיקה
(הדרך לכותל המערבי)

# חכמת שלמה

אין יאָהר תקמ״ו 1786 אונ חודש מרחשון איז געבאָהרען געוואָרען דער בערוהמטער וועלט גאון ר׳ שלמה קלוגער זיין פאָטער איז געוועזען הרב הגאון הצדיק מו״ה יהודא אהרן זצ״ל ער איז געוועזען רב אין אַקליין שטעדטיל אין פולין דאָס שטעדטיל הייסט קאָמאַרוב לעבען זאַמושטש. אזוי ווי ער איז געבאָהרען געוואָרען האָט מען אין איהם אָהנגעזעהען אַז ער וועט זיין אַגרויסער גאון אז ער וועט בעלייכטען דיא וועלט מיט זיין חכמה. אַז ער איז אַלט געוואָרען זעקס יאָהר האָט ער שוין אַליין מחדש געוועזען חדושים אין דער תורה יעדער אייגער האָט בעווינדערט זיין קענטיניס. אַז ער איז אַלט געוואָרען צעהן יאָהר האָט שוין קיין מלמד ניט געקענט מיט איהם לערנען (ווייל ער האָט געקענט בעסער פון זיינע מלמדים) אין זיין פאָטער האָט מיט איהם גילערענט זיין פאָטער האָט זיך מיט איהם זייער געפריידט ער האָט געזעהן ווי ער פלייסט זיך פון טאָג צו טאָג אין לערנען. אַז ער איז געוואָרען איין בר מצוה האָט זיין פאָטער געמאַכט אַגרויסע סעודה אונ אַלע לומדים פון שטאָדט זענען געקומען אויף דער סעודה אונ דער בר מצוה האָט געזאָגט אַגרויסען פלפול ביי דער סעודה אַלע לומדים האָבען זיך געווינדערט אויף זיין חריפות אונ זיי האָבען געזאָגט וואָהל איז דיא עלטערין וואס זייא האבען אַזאַ קינד געבאהרען. אונ אַ קורצע צייט אין שלמה׳ס פרייד פערשטערט געווארען אונ זיין זין איז איהם פינסטער געוואר ען זיין פאָטער איז איהם געשטאָרבען אין זיינע בעסטע יאָהרען ווען ער האָט אנגעהויבען צו האָבען נחת פון זיין זאָהן. אין שלמה איז געבליבען אין זיינע יונגע יאָהרען אָהן אַ פאָטער אין אָהן אַ רביין אין אָהן אַ מורה דרך. נאָר זיין מוטער דיא צדיקת האָט איהם אָבגעהיטען ווי דאָס אויג זי איז געוועזען אָהן געקניפט און איהר קינד זי האָט קיין רגע ניט געקענט לעבען אָהן איהם. נאָר ווי דער בחור שלמה האָט געזעהן אַז עס איז ניט קיין תכלית פאַר איהם צו זיין און קאָמאַרוב דא אין דעם קליינעם שטעדטיל וועט ער ניט קענען קומען צו זיין ציעל ער וועט ניט קענען קומען לגדלות התורה וואָס דאָס איז זיין גאַנצער תכלית אין ווילען, האָט ער געבעטען זיין

מוטער

# חכמת שלמה

מיטער זי זאל איהם געבען רשות צו פאָהרען און אַ גרעסערע שטאָדט אַריין און אַ גרויסע ישיבת אַריין . ער זאל דארט קענען דערגרייכען צו די הויכע שטאַפלען פון דער תורה כדי ער זאל קענען און זעטען זיין האַרץ מיט דער תורה נאך גרויס מוה איז איהם געלונגען איבער צו ביינגען זיין מיטערס געדאַנק זי זאָל איהם געבען רשות צו פאָהרען קיין זאַמאָשטש וואָס איז ניט ווייט פון קאָמאַרוב. זאַמאָשטש איז דאַמאָלס געוועזען אַ שטאָדט פון לומדים און חכמים און עשירים און חאָטש ער איז געוועזען אַגדול בתורה דאָך האָט ער זיך געהאַלטען נידריג און חאָטש ער איז זייער איידיל געהאָדיוועט געוואָרען ביי זיינע עלטערין און יעצט איז ער געקומען אין אַפרעמדע שטאָדט אַריין ער האָט ניט קיין קרוב קיין פריינד און דער שטאָדט דאָך האָט ער זיך געשטאַרקט און ער איז אַריבער געגאַנגען צום רב און דאַמאָלס איז .אין זאַמאָשטש געוועזען רב דער גאון ר׳ מרדכי ראבין אין ער האָט געבעטען דעם רב אַז ער זאָל איהם לאָזין לערנען אין זיין ישובה. דער רב האָט איהם אָהנגעקוקט אַז ער איז נאָך יונג האָט ער זיך פערווינדערט און ער האָט איהם געזאָגט ווי אַזוי קען איך דיך אַריין נעמען אין מיין ישובה אַריין ביי מיר לערנען דאָך בחורים פון צוואָנציג יאָהר אָהן און העכער און די ביסט דאָך נאָך גאָר יונג ער האָט איהם אָבער שטאַרק געבעטען אַז ער זאָל איהם אַריין נעמען און דער ישובה אַריין. דער רב האָט איהם אָהנגעהויבען צו פריווען האָט ער געזעהן אַז חאָטש ער איז קליין אָבער זיין שכל איז אין טיפען ים התלמוד זייער גרויס. האָט ער איהם אַריין גענומען און דער ישובה אַריין צווישען אַלע זיינע תלמידים. ער האָט אָבער ניט לאנג געלערענט און דער ישובה ווייל שלמה האט געהאט אשארפען שכל ער האט תיכף תופס געוועזען די זאך אזעלכע וואס ביי א צווייטען האט עס בעדארפען צו גערוירען פינף שעה האט ער עס תופס געוועזען אין איין מינוט. דער גאון ר׳ מרדכי האָט מיט זיי געלערענט זייער געלאַסען ווייל ער האָט געוואָלט אַז זיינע תלמידים זאָלען גיט פערשטעהן דאָס ענין ער האָט יעדען זאַך גיט אַרום געריידט. אָבער דער איינער בחור שלמה האָט ניט געקענט פערנעמען ווי דער רבי לערענט אזוי . לאַנגזאַם איז ער אַוועק געגאַנגען פון דער ישובה און ער איז שוין מעהר ניט געקומען לערנען. און ער איז געגאַנגען אין בית המדרש אַריין און ער האָט זיך געזעצט אַליין לערנען דאָרט אין בית המדרש איז געוועזען זייער פיפל ספרים און ער איז געזעסען און געלערענט מיט גרויס התמדה ער איז געזעסען ביי טאָג און ביינאַכט און געלערענט. אזו ער האָט אָהנגעהויבען צו לערנען דיא סוגיא

פון

פון ר׳ חנינא סגן הכהנים (פסחים דף י״ד) די סוגיא איז אַבּעוויסטע שווערע סוגיא במשך אַכט טאָג האָט ער גיענדיגט די סוגיא מיט אַלע מפרשים. ווי דיא לומדים פון בית המדרש האָבּען געזעהן זיין גדלות אַז אין אַזאַ קורצע צייט האָט ער אַדורך גילערענט אזאַ שווערע סוגיא זיין שם איז געגאַנגען אויף דער גאַנצער שטאָדט יעדער איינער האָט איהם בעווינדערט. די זאַך איז אָנגעקומען צום רב ר׳ מרדכי ראַבּין און וויל ער איז געוועזען אויף איהם אַבּיסעל און פערדראָס וויל ער האָט פערלאָזט זיין ישיבה, צוליעב דעם האָט ער זיך ניט געקענט גלייבען אַז ער איז אַזאַ גרויסער גאון. האָט דער רב געשיקט זיין גרעסטען תלמיד אַז ער זאָל דעם בחור שלמה פריווען, דער תלמיד איז געבּליבען פאַר איהם פערשעהמט ער האָט הערשט געזעהן אַז וויפיל מען זאָגט אויף איהם איז נאָך ווינציג. דער תלמיד איז צוריק געקומען צו זיין רבין בבושה און ער האָט בעווינדערט דעם בחור׳ס גאונשקייט:

אין דער זעלבער צייט איז הגאון ר׳ מרדכי ראַבּין ז״ל געוואָרען רב און לעמבערג און אויף זיין אָרט איז געוואָרען רב און זאַמושטש הגאון ר׳ יוסף הויכגילערנטיר זצ״ל. ער האָט גוט געקענט שלומה״ס פאָטער ער איז געוועזען זיינס אַ ידיד ווי ער האָט גיהערט דאָס גרויסקייט פון דעם בחור האָט ער נאָך איהם געשיקט און ער האָט מיט איהם געשמועסט און לערנען משך אַ האַלבע שעה. ער האָט זיך שטאַרק פערווינדערט אויף זיין גרויסקייט און ער האָט זיך געבּייזערט אויף איהם פאַר וואָס ער איז ביז יעצט ניט צו איהם געקומען ער האָט צו איהם געזאָגט דיין פאָטער איז דאָך געוועזען איינער פון מיינע פריינד פאַר וואָס ביסטו צו מיר ניט געקומען ביז יעצט? שלמה האָט איהם גיענטפערט איך האָב מורא געהאַט זיך אונטער צו שטעלען צו צי געהן צו אייך איהר זענט דאָך אזא גאון און איך בין דאָך יונג און יאָהרען און יונג און פערשטאנד און דער תורה ווי אַזוי קען זיך אַ קליין פלוגעלע אונטער שטעלען און צו געהן צו אַ גרויסען אָדלער? האָט איהם דער גאון ר׳ יוסף הויכגילערנטיר געזאָגט מהיום והלאה זאָלסטו זיין ביי מיר אין שטיב איך וועל מיט דיר לערנען און וועל דיר געבּען אַלעס וואָס די דאַרפסט איך וועל צו דיר זיין אַ פאָטער און אַ מדריך. דאָס איז געוועזען פאַר פסח דער בחור שלמה איז שוין געוועזען ביי דעם רב פסח. די ערשטע צוויי נעכט האָבּען זיי זיך מפלפל געוועזען ביז טאָג אין לערנען. דער גאון האָט איהם אַלע מאָהל מעהר ליבּער געהאַט. נאָך פסח האָט דער גאון דער רב אָהנגעהויבּען צו לערנען מיט זיינע תלמידים וואָס

אסך פון זיי האבען שוין חתונה געהאט און זיי זענען שוין געוועזען גדולים בתורה און דער קלייגער שלמה האט זיך אנידער געזעצט לעבין זיי ווי די תלמידים האבען איהם דער זעהן האבען זיי גיפרעגט איינער דעם צווייטען ווי קומט דאס יונגעלע צווישען אונז ? זיי זענען ניט געוועזען פון זאמושטש איבער דעם האבען זיי איהם ניט געקענט האט זיי דער רב גיענטפערט ער איז געקומען לערנען חאטש ער איז יעצט קליין דאך האף איך אז ער וועט אמאהל זיין דער גרעסטער פון די יודען, די תלמידים האבען דאס דער הערט האבען זיי און איהם נוהג כבוד געוועזען און ער איז שטענדיג געזעסען לעבען רב און ער האט זיך מפלפל געוועזען מיט דעם רב גלייך מיט דיא גרעסטע תלמידים :

דיא צייטען וואס ער האט גילערענט ביי הגאון ר׳ יוסף הויכגלערנטער זענען ביי איהם טייערער געוועזען ווי די גאנצע וועלט בייטאג האט ער גילערענט ביי דעם רב און ביינאכט האט ער איבער גחזרת וואס ער האט בייטאג גילערענט און ער האט אליין פיעל חדושים מחדש געוועזען. נאך א מעלה האט ער געהאט דאס דער דובנער מגיד האט דאמאלס געוואהנט און זאמאשטש. ווי ער האט גיזעהן דאס גרויסקייט פון שלמה׳ן האט ער איהם שטארק ליעב געהאט. און ער האט מיט איהם גילערנט פיעל אגדה וואס שלמה האט איהם גיפרעגט האט ער איהם געזאגט ער האט פון איהם גאהר ניט פערהוילען. ער האט שטארק חשק בעקומען צו לערנען אגדות יעדען פרייטאג האט דער דובנער מגיד מיט איהם געלערענט מדרש רבה און מדרש תנחומא און ילקוטים און פערשידענע דרוש ספרים. און ווען שלמה האט געהאט צייט האט ער אליין גילערענט און וואס ער האט גיזעהן עפיס א זאך און א ספר איינמאהל האט ער עס שוין אייביג ניט פערגעסען. צו זיין אומגליק אין זיין פרייד ניט געוועזען אויף לאנג. דאס זיין רבי איז נפטר געווארען. ער האט שטארק געוויינט ער האט זיך ניט געקענט טרייסטען און תיכף איז איהם צו געקומען נאך אטרויער דאס מען האט איהם געזאגט אבשורה דאס זיין מוטער איז נפטר געווארען און צווייטען טאג חוה״מ פסח שנת תקס״א און שלמה איז דאמאלס אלט געוועזען פינפצען יאהר דיא וועלט איז איהם פינסטער געווארען ער איז יעצט געבליבען עלענד אהן פאטער און מוטער און אהן א רבין. ער האט זיך אבער געשטארקט און ער האט זיך צוועק געשלאגען דאט אלעס און ער האט זיך פערלאזט אויף גאט אז גאט וועט איהם ניט פערלאזען . ער האט ביי זיך בעשטימט אז ער זאל שוין ניט לערנען ביי קיין שום רבין

ער

ער האט זיך אליין גיזעצט און בית המדרש לערנען און ער האט געלערענט מיט גרויס התמדה און זיין נאמען איז בעוויסט געווארען אויף גאנץ פוילען: און דער צייט האט געוואהנט אין ראווע א גרויסער תלמיד חכם אין א עושר איש נכבד ומפורסים מו"ה חיים זצ"ל דער מענש איז אליין געוועזען אגרויסער תלמוד חכם און ער האט ליעב געהאט תלמידי חכמים וואס דורך דעם האט ער זוכה געוועזען צו האבען קינדער און איידימ'ס תלמידי חכמים זיין זוהן איז געוועזען הרב הגאון המפורסים מו"ה מרדכי מרדיש זצ"ל וואס און זיין יוגענד איז ער געוועזען רב און גראבאוויץ אשטעטיל און פוילען נאך דעם איז ער געווארען רב אין אונגוואהר און אונגארען. זיין ערשטער איידים איז געוועזען הרב הגאון החריף מו"ה צבי הירש העלליר וואס ער איז געוועזען רב און פיעל גרויסע יודישע שטעדט. ווי דער ר' חיים האט גיהערט ווי שלמה איז אזוי גרויס איז ער אראב געפאהרען קיין זאמאשטש און ער האט איהם געגעבען אגרויסען נדן און ער האט איהם גענומען פאר א חתן צו זיין טאכטער הצדקת מרת ליבא מאלי' און ער האט איהם גענומען צו זיך און ער האט תיכף געמאכט די חתונה און ער האט איהם בעגעבען צו עסען און ער איז גיזעסען און בית המדרש מיט זיינע שוואגערס און גילערענט. ער האט אליין דערציילט אז בשעת ער האט גיגעסען ביי זיין שווער האט ער גילערנט אכטצען שעה און מעת לעת זעקס שעה האט ער זיך איבער געלאזט און מעת לעת. און די זעקס שעה איז ער געשלאפען און גיגעסען און האט זיך אויף געשריבען די חדושים וואס ער האט דעם גאנצען טאג מחדש געוועזען. ווען ער איז אלט געווארען צוויי און צוואנציג יאהר איז ער שוין געוועזען בקי בכל התורה זיין נאמען איז בעוויסט געווארען צווישען אלע גדולים. עס איז פארגעקומען און ראווע אגרויסער דין תורה ביי-דער דין תורה איז גיזעסען דער ראוועער רב והגאון ארי' העלליר ר' שלמה'ס שוואגערס פאטער און דער דריטער איז געוועזען דער יונגער מאן ר' שלמה קלוגער חאטש ער איז געוועזען איונגער מאן און זיי זענען געוועזען זקנים דאך האבען זיי איהם מצרף געוועזען צו זיך און זיי האבען זיך מיט איהם שטארק געפריידט ווייל זיי האבען איהם גיקענט זיי האבען בעוויסט פון זיין גדלות. ער האט מקדיש געוועזען זיינע צייטען נאר אין די תורה ער האט גילערענט מיט תלמידים שעורים יעדען טאג בעזונדער האט ער גילערענט ספרי קבלה. ער האט פון דער תורה ניט געוואלט קיין הנאה האבען ער האט ניט געוואלט אהן נעמען קיין רבנות ער איז תמיד געזעסען און געלערענט דאס לערנען איז שוין ביי איהם אזוי איין געווארצעלט געוועזען

# חכמת שלמה

געוועזען אז ער האט קיין פיער איילען ניט גיקענט געהן אהן תורה ער האט פאר זיין גוף גאר ניט געזארגט ער האט ווינציג גיגעסען און ווינציג געטרינקען און ווינציג געשלאפען נאר גיזעסען און גילערנט יומם ולילה:

פון זיין יוגענט אהן האט ער משתוקק געוועזען זיך צו זעהן מיט גאונים ער זאל זיך מפלפל זיין מיט זיי. ווען ער איז נאך געוועזען אבחור ווען ער האט גילערענט ביי זיין רבין ר׳ יוסף הויכגעלערנטיר אין זאמאשטש האט ער זייער משתוקק געוועזען צו פאהרען קיין לובלין זיך צו זעהן מיט דעם לובלינער רב הרב הגאון מו״ה עזריאל הלוי וואס איז בעוויסט געוועזען מיט דעם נאמען דער אייזענער קאפ ער איז געוועזען אויף דער וועלט א גרויסער גאון. ר׳ שלמה איז געפאהרען קיין לובלין ער האט געזאגט א תירוץ זיין רבין אז ער פאהרט קיין לובלין צו זיין שוועסטער וואס זי האט דאמאלס גיוואהנט און לובלין אבער זיין כונה איז געוועזען אז ער זאל זיך זעהן מיט דעם אייזערינעם קאפ ער זאל זיך מיט איהם מפלפל זיין און איהם איז געלונגען צו זיין עטליכע מאהל ביי דעם אייזערינעם קאפ ער האט זיך מיט איהם מפלפל געוועזען דער אייזערינער קאפ איז פון איהם געוועזען שטארק צופרידען ער האט איהם זייער מקרב געוועזען און ער איז איהם געגאנגען בעגלייטען. עס איז געוועזען יעדען איינעם אפלא זיי האבען נאך קיינמאהל ניט גיזעהן אז דער אייזערנער קאפ זאל עמיצען געהן בעגלייטען אפילו א אלטען מאן א גאון בפרט אזא יונגעל. און צו אזעלכע גאונים וואס ער האט ניט געקענט צו זיי פאהרען פלעגט ער צו זיי שרייבען תשובות ווען ער איז אלט געוועזען צוואנציג יאהר האט ער אב געשריבען אתשובה להגאון מו״ה יעקב אורינשטיין דער לעמבערגער רב און דער לעמבערגער רב האט איהם גיענטפערט א תשובה בכבוד גדול:

אמאהל איז געוועזען א אסיפת הרבנים און לעמבערג פון אלע גאליציאנער רבנים ווי ר׳ שלמה האט זיך דערוויסט פון דער אסיפה איז ער געפאהרען קיין לעמבערג ער זאל זיך דארט זעהן מיט אלע גאונים פון גאליציע אזוי ווי ער איז אהנגעקומען קיין לעמבערג איז ער צום ערשטען אריין געגאנגען צום לעמבערגער רב וואס ער האט איהם שוין גיקענט פון לאנג דורך זיין תשובה ווי ער האט זיך מיט איהם געזעהן פנים אל פנים און זיי האבען זיך מפלפל געוועזען האט דער לעמבערגער רב הערשט דערזעהן וואס פאר א גאון ער איז. ער האט איהם שטארק ליעב געהאט ביז דער לעמבערגער רב איז נפטר געווארען האבען זיי זיך שטארק ליעב

געהאט

געהאט. נאך דעם ווי ער האט זיך מפלפל געוועזען מיט דעם לעמבערגער גאון איז ער געגאנגען צו אנדערע גאונים און ער האט זיך מיט זיי מפלפל געוועזען. ער איז שטארק צופרידען געוועזען פון דעם און ער איז אהיים געפאהרען שטארק צופרידען. אזוי פלעגט ער זיך פיהרען כל זמן ער איז געוועזען ביי זיין שווער. ווי עס איז געוועזען א גאון איז ער צו איהם געפאהרען מיט איהם צו שמועסען און לערנען זיין שוועהר פלעגט איהם אויסהאלטען מיט אלע זיינע הצטרכות הגם זיין שוועהר איז ניט געוועזען קיין עושר ער איז אבער צופרידען געוועזען מיט זיין איידים האט ער מיט זיינע אלע קרעפטען אינטער געהאלטען זיין איידים כדי ער זאל קענען זיצען און לערנען. דאס גוטעס איז דאך אבער ניט אויף אייביג זיין שווער איז געשטארבען קיין פערמעגען איז פון איהם ניט געבליבען נאר זיין שוויגער האט געפיהרט דעם מסחר און זי האט איהם מחזיק געוועזען און ער איז געזעסען און געלערענט. און א צייט ארום איז זיין שוויגער אויך געשטארבען איז ר' שלמה קלוגער שוין געבליבען אהן איין אינטערהאלטער. זיינע צוויי שוואגערס זענען געווארען רבנים און זיי זענען אוועק פון ראווע און ער איז געבליבען אליין און ראווע בערום ובחוסר כל. זיין ווייב האט איהם יעדען טאג געפרעגט וואס וועט זיין אונזער תכלית פאר וואס האלסטו פערלייגט דיינע הענד און קלערסט ניט וועגען א רבנות אזוי ווי דיינע שוואגערס אונזער ביסעל געלד לאזט זיך אויס ווי וועלען מיר נעמען צו לעבען? ער האט איהר געענטפערט צייט איך בין צו מיין שכל געקומען האב איך אויף מיר גענומען אז איך זאל ניט קיין הנאה האבען פון דעם אויך איך בין ניט ראוי אז איך זאל זיין א רב ביי די יודען נאר אויב השי"ת האט אזוי גוזר געוועזען אז איך זאל זיין א רב קען איך ניט זאגען אז איך וויל ניט ווער קען זיך אקייגען שטעלען אקייגען זיין גזרה נאר איך זאל נאך טוהן פעולות צו דעם וויל איך ניט נאר אז מען וועט צו מיר קומען אז איך זאל אהן נעמען א רבנות וועל איך אהן נעמען. זיין ווייב האט געזעהן אז זי וועט מיט איהם גאר ניט מאכען האט זי שוין מצהר מיט איהם ניט גיריידט וועגען דעם:

אמענש קען זיך דאך ניט אנידער זעצען און ער זאל גאר ניט טוהן נאר ער זאל זיך און גאנצען פערלאזען אויף גאט. נאר א מענש מוז דאך עפיס טוהן און ער זאל בעטען גאט אז ער זאל מצליח זיין. האט ר' שלמה קלוגער זיך געדינגען אגיוועלב און ער האט געקויפט סחורה און גיוועלב פארין און ער איז געזעסען און גיוועלב און זיין קאפ איז געוועזען

ביי

# חכמת שלמה

בײַ דער תּורה ער איז געזעסען אַגאַנצע טאָג און געוועלב און ער האָט מחדש געווען פיעל חדושים און ער האָט יעדען חידוש תיכף אויף געשריבען. קען מען שוין פערשטעהן ווי אַזוי דאָס געוועלב האָט אויסגעזעהן אַז זײַן קאָפּ איז געווען פערטיפט און לערנען. אַמאָהל האָט ער געגעבען צו אַ קונה סחורה מעהר ווי ער האָט איהם בעדאַרפען געבען. אַמאָהל האָט עמיצע געבאָרגט און ער האָט פערגעסען אויף צו שרײַבען:

אַמאָהל איז ער געזעסען און געוועלב פערטיפט און אַשווערע סוגיא איז צו איהם אַרײַן געקומען איוד ער האָט געוואָהנט אינטער דער שטאָדט און ער האָט בײַ איהם געקויפט פיעל סחורה און ער האָט פערגעסען צו נעמען בײַ איהם געלד פאַר דער סחורה. דער קונה איז זיך אַ הײם געגאַנגען בשמחה דאָס ער האָט בײַ איהם גענומען כמעט מעהר ווי אַהאַלב געוועלב סחורה אָהן געלד. ר׳ שלמה האָט זיך אַרום געדרעהט און געוועלב אהין און צוריק פערקלערט און אײַן שווערע סוגיא און ער האָט ניט געוויסט וואָס דאָ איז געשעהן. און אַ צווײַ שעה אַרום איז זײַן ווײַב אַרײַן געקומען און געוועלב אַרײַן האָט ער איהר געזאָגט אַ בשורה אַז ער האָט הײַנט פיעל סחורה פערקויפט דעם יוד וואָס ער וואָהנט אינטער דער שטאָדט. דאָס ווײַב איז שטאַרק פרײַליך געוואָרען פון דער בשורה און זי האָט איהם געפרעגט ווי ער האָט געלײַגט דאָס געלד? ער איז צו געגאַנגען צום טיש קעסטעל ארויס נעמען דאָס געלד און איהר געבען. לײַדער דאָס געלד איז ניט דא. ער איז געבליבען שטעהן אַזוי ווי אָהן געדאַנקען ער איז אַזוי געשטאַנען אַווײַלע און געקלעהרט און ער האָט זיך דערמאַנט אַז דער יוד האָט איהם ניט געגעבען קײַן געלד פאַר דער סחורה. קען מען דאָך שוין פערשטעהן זײַן עגמת נפש ובפרט דאָס עגמת נפש פון זײַן ווײַב. זי האָט איהם געזאָגט זעה צו וואָס די ברענגסט דורך דײַר ווערען מיר אָרימער וואָס וועט זײַן אינזער סוף? ער אַלײַן איז אויך געבליבען שטעהן טרויעריג. ער האָט זיך אָבער תיכף געשטאַרקט און ער האָט זיך פערזיכערט און גאָט און ער איז געוואָרען צוריק בשמחה. ער האָט אָהנגעהויבען צו קלעהרען וואָס ער זאָל טוהן מיט דעם יוד ווי אַזוי ער זאָל בײַ איהם אָב נעמען דאָס געלד. ער האָט ניט געפינען קײַן אַנדערען וועג נאָר ער זאָל תיכף אַריבער געהן צום קונה און ער זאָל איהם זאָגען אַז ער האָט איהם פערגעסען צו געבען דאָס געלד וועט ער מודה זײַן איז גוט און אויב ניט וועט ער מוזען איהם רופען לדין. אויף דער גאַס איז געווען אַשטאַרקער שנעה עס איז געווען טונקעל אויף דער גאַס דער

הימעל

הימעל איז געוועזען בעדעקט מיט וואָלקינס און דער קונה האָט געוואָהנט אינטער דער שטאָדט אַ פערטיל מייל ער האָט ניט געקוקט אויף דעם שניי און ער האָט זיך געלאָזט געהן צום קונה עס איז איהם זייער אַ שאָהד געוועזען וואָס ער האָט געמוזט מפסיק זיין פון לערנען און געהן צום קונה עס איז איהם ניט אַזוי א שאָהד געוועזען דאָס געלד ווי דאָס לערנען ; ווי ער איז שוין געהאַט אָב געגאַנגען א תחום שבת אינטער דער שטאָדט איז איהם אַקעגען געקומען אַ פיהר און פיער זקנים אָהנגעטוהן בגדי שבת זיי זענען געזעסען אויבען און איינגער מאַן איז געזעסען אקעגען זיי און וויל ער איז געגאַנגען גיך און פערטראַכט האָט ער גאָר ניט בעמערקט אז עמיצער פאָהרט דאָ. פליצלונג האָט ער דערהערט ווי איינער פון די מענשען וואָס זיי זענען געזעסען אויף דער פיהר רופט איהם און שרייט ר׳ שלמה ווי געהט איהר און אַזאַ פינסטערין טאָג און אַזאַ גרויסען שניי און ווי קומט איהר אָבער אינטער דער שטאָדט ? האָט איהם ר׳ שלמה בקיצור געענטפערט איך האָב דאַ אַ וויכטיג עסק און ער האָט זיך געלאָזט געהן ווייטער זיין וועג איז דער יונגער מאַן אַראָב געשפרינגען פון וואָגען און ער איז צו געגאַנגען צו ר׳ שלמה׳ן און ער האָט איהם איינגערויכט און אויער אַריין געהט אַהיים די מענשען וואָס זיי זיצען דאָ אויף דער פיהר זענען די חשובסטע לייט פון קילקוב לעבען לעמבערג און זאָלקוויא זיי פאָהרען צו אייך זיי וועלען אייך אויף נעמען פאַר אַ רב און זייער שטאָדט. ר׳ שלמה האָט זיך זייער געוואונדערט אויף דעם מענשס רייד און ער האָט איהם געזאָגט איך קען ניט די מענשען איך ווייס גאָר ניט וואָס זיי ווילען פון מיר. האָט איהם דער יונגער מאַן דערציילט און ער האָט איהם געזאָגט איך וועל אייך דערציילען פון וואַנען עס נעמט זיך אַז זיי זאָלען צו אייך פאָהרען און אייך אויף נעמען צו זיי פאַר ארב. מיט אַהאַלב יאָהר צוריק איז דער קילקובער רב נפטר געוואָרען דאָס איז דאָך ידועה אַז אין קילקוב איז דאָ פיעל לומדים און גבירים און פון אייביגע צייטען איז און קילקוב דאָ רבנים מפורסמים גדולי התורה. לכן יעצט אַז מען דאַרף אַ רב זענען די שטאָדט לייט געפאָהרען קיין לעמבערג צום רב און זיי האָבען איהם געפרעגט אַ עצה ווע֞מען זיי זאָלען אויף נעמען פאַר אַ רב. דער לעמבערגער רב איז אַזוי געשטאַנען און געקלעהרט אַ ערך פון אַ פערטעל שעה און ער האָט זיי געענטפערט פון אַלע רבנים וואָס זיי זענען אַרויף געקומען אויף מיין געדאַנק און דער צייט האָב איך ניט געפינען קיין רב וואָס ער זאָל זיין ראוי צו זיין ביי אייך רב אַזוי ווי ר׳ שלמה קלוגער וואָס ער וואָהנט

אין

און ראַווא ער איז ראוי צו זיין ביי איינך רב אייער רבנות פאַסט איהם ווייל ער איז אַ גדול בתורה און אויב ? ר וועט איהם אויף נעמען פאַר אַ רב וועט איהר זיין גליקליך. ווי זיי האָבען דאָס גיהערט זענען זיי תיכף אַ היים געפאָהרען קיין קילקוב און זיי האָבען אָב געשריבען א כתב רבנות און אַלע חשובי העיר האָבען זיך געחתמת. און זיי האָבען אויסגיקליבען פיהר חשובסטע מענשען און זיי האָבען זיי געשיקט צו איינך זיי זאָלען איינך נעמען קיין קילקוב פאַר אַ רב. ע״כ געהט גיך אַ היים ווייל דיא מענשען וועלען תיכף צו איינך אַ היים קומען עס איז דאָך ניט קיין כבוד אַז איהר זאָלט אַ וועק געהן און זיי זאָלען איינך ניט טרעפען און דער היים:

ווי ר׳ שלמה האָט גיהערט די רייד פון דעם יונגען מאַן האָט ער פערשטאַנען אַז דאָס איז מן השמים אַז ער זאָל ווערען אַ רב. איז ער צוריק אַ היים געגאַנגען דאָס ווייב האָט שוין געהאָפט אז ער זאָל צוריק א היים קומען מיט אַ בשורה פון דעם קונה. ווי ר׳ שלמה איז אַ ריין געקומען האָט איהם זיין ווייב גיפרעגט וואָס ער האָט עפּיס געמאַכט מיט דעם קונה צו ער האָט ביי איהם אָב גענומען דאָס געלד? ער האָט איהר דערציילט וואָס עס האָט זיך מיט איהם געטראָפען אויף דעם וועג. זי איז אָבער ניט צופרידען געוועזען פון דער בשורה עס איז איהר אַשאָהד געוועזען דאָס געלד פון דעם קונה. דיא מענשען זענען אָהן געקומען קיין ראַווא און זיי זענען אַריין געפאָהרען און איין אכסניאָ אַריין זיי האָבען זיך אַ ביסעל אָבגערוהט און נאָך דעם זענען זיי געגאַנגען צו ר׳ שלמה׳ן און זיי האָבען איהם געגעבען דעם קאָנטוס און זיי האָבען איהם געזאָגט מזל טוב איהר זענט אונזער רב. און יעצט פאָהרט מיט אונז איהר דאַרפט איינך דאָ שוין ניט פערהאַלטען. ר׳ שלמה האָט זיי גיענטפערט איך זעה דאָך אַז עס איז אַגאָט זאַך קען איך איינך ניט אָבזאָגען נור נעכטיגט דאָ איבער און מאָרגען וועל איך איינך זאָגען ווען איך וועל פאָהרען. דערווייל איז די זאַך בעוויסט געוואָרען אויף דער גאַנצער שטאָדט און עס איז יעדען איינער געקומען צו איהם ווינשען מזל טוב די גאַנצע נאַכט איז געוועזען ששון ושמחה און שטאָדט זיי האָבען איהם שטאַרק ליעב געהאַט און זיי האָבען געוואָלט אַז ער זאָל ווערען רב אפילו און אַ קליין שטעדטיל ווייל זיי האָבען געוויסט אַז און אָנפאַנג וועט ער זיין רב און אַ קליין שטעדטיל אָבער דער נאָך וועט ער זיין דער גרעסטער פון דער גאַנצער וועלט. עס איז טאָג געוואָרען זענען די מענשען פון קילקוב אַ ריין געגאַנגען צו ר׳ שלמה׳ן און זיי האָבען איהם גיפרעגט צו ער האָט זיך שוין איבערגיקלערט ווען ער וועט

פאָהרען

פאָהרען קיין קילקוב? האָט ער זיי געענטפערט אַז ער איז גרייט תיכף צו פאָהרען נור מען קען דאָך ניט אַזוי פאָהרען מען מוז דאָך איינפאַקען די חפצי הבית מוז עס דויערן צוויי טעג און דערווייל וועט ער אפשר קענען מציל זיין דאָס געלד פון דעם קונה. ווי גרויס איז אָבער געוואָרען די שמחה ביי ר' שלמה'ן און שטיב. דאָס דער קונה איז אליין אַריין געקומען און ער האָט אָב געבראַכט ר' שלמה'ן דאָס גאַנצע געלד הונדערט און פופציג פוילישע גילדען עס איז ניט פאָר צו שטעלען די שמחה וואָס איז געוואָרען ביי ר' שלמה קלוגער אין שטיב. מען האָט איינגעפאַקט די אַלע חפצי הבית און תיכף אויף דעם צווייטען טאָג איז הגאון ר' שלמה קלוגער מיט זיין ווייב בעזאַמען מיט די מענשען פון קילקוב אָב געפאָהרען פון ראַווע די מענשין פון ראווע האָבין אים בעגלייט און מיט גרויס געוויין האָבען זיי זיך מיט איהם געזעגענט. ווי זיי זענען געקומען נאָהנט פון קילקוב האָבען זיי אַריין געשיקט אַ שליח מיוחד און שטאָדט אַריין צו זאָגען די בשורה אז זייער רב קומט אָהן. די שטאָדט מענשען האָבען זיך אַלע אָהנגעטוהן בגדי שבת און זיי זענען אַ קייגען געגאַנגען דעם נייעם רב. און מען האָט איהם אַריין געפיהרט און שטאָדט אַריין מיט גרויס שמחה וכבוד. זיי האָבען געטאַנצט און זיי האָבען זיך געפרייד דאָס זיי האָבען זוכה געוועזען צו אַזאַ גרויסען רב ביינאַכט האָט מען אָהן געצינדען לכבוד דעם גאון ליכט און אַלע פענסטער און די שטאָדט קילקוב איז געוועזען פריילך. אַזוי ווי ער האָט זיך אַנידער גיזעצט אויף דער שטיהל האָט הערשט יעדער איינער געזעהן זיין גרויסקייט און זיין חכמה און זיין ערליכקייט ער האָט קיינעם ניט נושא פנים געוועזען און זיין נאָמען איז בעוויסט געוואָרען אויף דער גאַנצער וועלט. אַלע רבנים וואָס זיי האָבען געהאַט אַ שווערע זאַך האָבין זיי איהם גיפרעגט און ער האָט זיי גיענטפערט. ער האָט אַלע מאָהל בעקומען פרישע ידידים. ער פלעגט אַלע מאָהל אַריין פאָהרען קיין לעמבערג און ער האָט זיך מפלפל געוועזען מיט הגאון מלעמבערג דאָרט ביי דעם רב מלעמבערג האָט ער זיך בעקאַנט מיט נאָך צוויי גאונים הרב הגאון משה טאַביש דער רב פון יאַסי וואָס ער האָט דאמאָלסט נאָך געוואָהנט און לעמבערג און הרב הגאון הגדול מו"ה שמחה נתן עלינבערג וואָס ער איז נאָך דאמאָלס געוועזען רב אין לעמבערג ווי זענען אַזוי צו געבינדען געוואָרען איינער צום צווייטען אַז זיי האָבען ניט גיקענט זיין איינער אָהן דעם צווייטען אויב עס איז פער ביי געגאַנגען

# חכמת שלמה

**א חורש און זיי האבען זיך ניט גיזעהן זענען זיי געפאהרען קיין קילקוב זיך מיט איהם זעהן:**

דער גאון ר' שלמה קלוגער איז גיזעסען און קילקוב במנוחה ער האט פיעל תורה גילערינט מיט תלמודים נאר איין זארג האט ער געהאט וואס דאס האט איהם ניט גיגעבען קיין רוה דאס ער האט ניט גיהאט קיין קינדער ער האט שטארק מתפלל גיוועזן צו גאט ביז גאט האט גיהערט זיין תפלה און ער איז געהאלפען געווארען מיט א בן זכר. און יאהר תקע"ע איז איהם געבאהרען געווארען זיין עלצטער זוהן הרב הגאון הקדוש מו"ה חיים יהודה ער האט זיך מיט איהם שטארק געפרייד ער האט און איהם אהנגיזעהן גוטע צייכענס אז ער וועט אמאהל אויף זיין אגרויסער גאון:

און דער צייט וואס ער איז גיזעסען און קילקוב האט ער בעקומען נאך א גוטען פריינד דעם רב הגאון מו"ה יוסף יוזפא דער רב פון זאלקווא פון קילקוב קיין זאלקווא איז ניט וויט. דער רב פון זאלקווא איז גיוועזן א גרויסער חריף און א עמקן גדול עס איז ניט גיוועזן זיין גלייכען אויף דער נאנצער וועלט עס איז ניט גרינג אהנגעקומען עמיצען אז ער זאל ביי איהם בעקומען חן ער זאל איהם ווייזען ליבשאפט און התקרבות און דאך דאס ערשטע מאהל ווען הגאון ר' שלמה קלוגער איז צו איהם אריין געקומען און ער האט מיט איהם געשמיעסט און לערנען האט ער איהם שטארק מקרב גיוועזן און דאס התקרבות האט איהם פיעל ניצען גיברענגט אזוי ווי מיר וועלין איך דערציילען. דער גאון ר' שלמה קלוגער איז גיזעסען און קילקוב ביז שנת תקע"ה בשלום ושלוה. נאך דעם איז ער גיווארען רב און יוזעפאף און פולין זיין ווייב האט אפילו ניט מסכים גיוועזן אז ער זאל אהן נעמען דאס רבנות און יוזעפאף ווייל עס איז גיוועזן וויט פון איהר געבירט שטאדט. נאר ער האט זייער געוואלט צוריק פאהרען און זיין לאנד אריין קיין פולין. הגם די מענשען פון קילקוב האבען איהם גיוואלט מוסיף זיין שכירות. ער האט אבער אויף דעם גאר ניט געקוקט און ער איז אין יאהר תקע"ו אוועק געפאהרען פון קילקוב. ווי ער איז א דורך געפאהרען דורך ראווע האט ער זיך דארט פערזאמט אנדערטהאלבען יאהר די סיבה דערפין האט קיינער ניט געוויסט ער איז אהנגעקומען קיין יוזעפאף און אנהייב שנת תקע"ח מען האט איהם דארט אויף גענומען מיט גרויס כבוד:

דער גאון האט גיוואלט זיצען און יוזעפאף בשלוה ער האט אהנגעהויבען צו פערשפרייטען די שטאדט מיט זיין תורה עס איז אבער ניט גיוועזן

אויף

אויף לאנג עס האט זיך תיכף געמאכט א מחלוקת אויף צו ליעב א שוחט וואס ער האט איהם מעביר געווען. און דער שוחט האט געהאט א גרויס צד אין שטאדט און זיי האבען פערביטערט זיין לעבען. זיי האבען איהם מקפח פרנסה געווען און ער האט אב געלעבט בדוחק גדול. דאך האט ער אויף דעם אלעמען ניט געקוקט און ער איז געזעסען און געלערענט ער האט ניט געקוקט אויף דעם וואס ער האט גאר ניט קיין פרנסה. און ער האט גאר ניט געוואלט ריידען פון דעם שוחט ער האט געזאגט איך האב איהם בגיאפר״ט און איך וועל איהם בשום אופן ניט מתיר זיין איך וועל ניט קוקען אויף דעם וואס איך האב ניט קיין פרנסה. זיין ווייב האט איהם אבער ניט געלאזט רוהען ווייל זיי האבען ממש ניט געהאט קיין ברויט בעזונדער האט ער דארט געליטען צער גידול בנים זיין עלצטער זוהן ר׳ חיים יהודה איז אלע מאהל שלאף געווארען עס איז איהם שוין שווער געוועזען צו זיין און יוזעפאף נאר ער האט דאך קיין ברירה ניט געהאט האט ער געמוזט ליידען:

און יאהר תק״פ איז פאר געקומען א גרויסע דין תורה און ראווע האט מען ארויס גענומען דעם גאון ר׳ שלמה קלוגער ער זאל זיין א בורר פון איין צד און דער גאון ר׳ יוזפא מזאלקווא איז געווען א שלוש. ווי דער גאון ר׳ יוסף יוזפא האט דערזעהן דעם גאון ר׳ שלמה קלוגעד האט ער זיך מיט איהם שטארק דערפרייט און ער האט איהם אויס געפרעגט אויף זיין מצב ער האט איהם דערציילט זיין גאנצען מצב פון דעם מחלוקת וואס ער האט אויף זיך און ווי אזוי ער איז געדריקט מיט פרנסה דער גאון ר׳ יוסף יוזפא האט בעדויערט זיין לאגע ווייל ער האט גיקענט דעם גאון ר׳ שלמה קלוגער אז ער איז ניט קיין מענש אז ער זאל זיך מתנצל זיין ער איז בעוואהנט געוועזען צו זאגען אויף יעדער סיבה וואס עס האט זיך איהם געטראפען גם זו לטובה. און יעצט אז ער איז זיך שוין מתנצל. מי יודע ווי וויים שלעכט איהם איז. דער גאון ר׳ יוסף יוזפא איז אזוי געשטאנען פערטראכט א שעה צייט און ער האט גאר ניט גירעדט פליצלונג איז זיין פנים פריילעך געווארען און ער האט געזאגט להגאון ר׳ שלמה איך האב געפינען א וועג איך זאל אייך מיט אייער בני בית ארויס נעמען פון דעם שלעכטען נאר איהר זאלט מיך פאלגען:

און דער גרויסער שטאדט בראדי איז ניט דא קיין ראש בית דין דער ראש בית דין איז נפטר געווארען ע״כ זאג איך אייך מיין עצה און גאט זאל אייך צו העלפען און איהר זאלט פאהרען קיין בראדי. די גדולי הדור

# חכמת שלמה

הדור וועלען מיט אייך שמוסען און לערנען זיי וועלען זעהן אייער גדלות און לערנען וועלען זיי אייך אויף נעמען פאַר אַ ראש בית דין. איך קען די מענשען פון בראָד זייער גוט איך האָב דאָרט געוואָהנט פיעל יאָהרען זיי זענען גרויסע מבינים זיי וועלען זיכער און אייך דערקענען אייער גאונישקייט און איהר וועט דאָרט זיצען במנוחה ובשלוה. האט ר׳ שלמה גיענטפערט דעם גאון ר׳ יוזפא ראשית ווער בין איך אַז איך זאָל זיין רב און בראָד און אַזאַ גרויסע שטאָדט. שנית ווי אַזוי קען איך פאָהרען אין אַזאַ שטאָדט אַריין וואָס מען קען מיך ניט איך האָב ניט קיין קרוב און קיין בעקאנטען וועט מיר בייהילפיג זיין איהר קענט דאָך מיך אַז איך בין ניט קיין מענש וועלכעס איך זאָל זיך רוהמען איך זאל זיך פאָרשטעלען אַלעס גאון. האָט איהם ר׳ יוזפא גיענטפערט דאָס וואָס איהר זאָגט אַז איהר זענט ניט ראוי צו זיין אַ ראש בית דין אין בראָד. זאָג איך אייך חאָטש איהר זענט ביי אייך קליין און נידריג זאָג איך אייך אַז איהר זענט דער ראש פון די יודען אייך פאַסט צו זיין רב אין בראָד און נאָך אַפילו אין אַ גרעסערע שטאָדט. און דאָס וואָס איהר זאָגט דאָס איהר זענט פרעמד אין בראָד איהר האָט ניט קיין בעקאַנטען ווער ער זאָל אייך בייהילפיג זיין. איך וועל אייך מיט געבען בריף צו די גדולים פון בראָד זיי זענען מיינע ידידים און זיי וועלען אייך בייהילפיג זיין און זיי וועלען שוין ריידען פאַר אייערט וועגען און זיי וועלען ווירקען אויף דער שטאָדט מיט זייערע רייד ווייל די שטאָדט קוקט אויף זיי און אַז זיי וועלען זאָגען אַז איהר זאָלט זיין רב און בראָד וועט די גאַנצע שטאָדט זיי פאָלגען :

ר׳ שלמה האָט אָבער ניט געוואָלט פאָלגען ר׳ יוזפאין און ער האָט ניט געוואָלט פאָהרען קיין בראָד האָט זיך ר׳ יוזפא אויף געשטעלט פון זיין שטיהל און ער האָט צו איהם געזאָגט איך בין אויף אייך כמעט גוזר אַז איהר זאָלט פאָהרען קיין בראָד איהר זענט נאָך יונג און איך בין שוין אַלט איך האָב שוין פיעל בייגעוואָהנט און איך זעה אַז אין בראָד וועט איהר קומען צו איין אמת׳דיגען תכלית און איהר וועט מיר אייביג דאַנקען פאַר דער עצה. ר׳ שלמה האָט גיזעהן אַז ער האָט ניט קיין אַנדערע ברירה האָט ער מסכים געווען צו פאָהרען קיין בראָד. נאָר ער האָט געבעטען ביי דעם גאון ר׳ יוזפא אַז ער זאָל איהם ערלויבען צו זיין און דער היים ביז איבער פסח ווייל און ווינטער איז איהם שווער געווען צו פאָהרען צוליעב דעם שניי און די פרעסט. דער גאון ר׳ יוזפא האָט איהם

# חכמת שלמה

אַ מענש. ווער דער מענש איז וואס זיצט אין דער בויד? האט מען איהם גיענטפערט דאס איז הגאון ר׳ זאב וואלף פרענקיל. האט ער גיפרעגט ווי פאהרט ער יעצט? האט מען איהם גיענטפערט אַז ער האט גיגעבען אַ גט זיין ווייב און ער פאהרט זיך אַ היים צו זיינע עלטערין האט ער זיך דערפריים וואס דער בעל עגלה האט זיך דאָ אָב גישטעלט. ווארים ווען ער זאל גיוועזען גלייך אריין פאהרען אין שטאדט אריין וואלט ער שוין ניט גיוועזען געטראָפען דעם גאון ר׳ זאב וואלף. נאר ער האט אָבער ביי זיך געטראַכט וואס קען ער מיר יעצט העלפען אַז ער פאהרט אוועק פון בראָד וואס פאר אַ טובה קען איך יעצט פון איהם האבען? נאר דאך איז ער תיכף צו איהם געגאַנגען און ער האט איהם איבער גיגעבען דעם בריעף פון הגאון יוזפא. ווי ר׳ זאב וואלף האט גיעפענט דעם בריעף און ער האט גיזעהן די שבחים וואס הגאון ר׳ יוזפא האט אויף איהם געשריבען איז ער נתפעל געווארען ווייל ער האט גיקענט דעם גאון ר׳ יוזפא אַז ער שרייבט ניט קיין גרויסע שבחים אויף קיינעם און אויף איהם אזא יונגען מאַן שרייבט ער אַ זעלכי גרויסע שבחים האט ער פערשטאַנען אַז ער איז אַ גרויסער גאון. איז ער אַראָב געגאַנגען פון דער בויד און ער איז אריין גיגאַנגען מיט ר׳ שלמה׳ן אין דער קרעטשמי אריין און ער האט זיך געהייסען געבען אַ בעזונדער הדר און זיי זענען אריין געגאַנגען און דעם בעזונדערען חדר אריין און זיי האבען זיך מפלפל געוועזען דער פלפל האט געדויערט פון זייגער עלף און דער פריה ביז נאַכט דער בעל עגלה איז אַלע מאהל אריין געקומען אין שטיב אריין און ער האט געשריגען אַז עס איז שוין שפעט מען זאל געהן פאהרען. דער גאון ר׳ זאב וואלף האט איהם אַלע מאהל גיבעטען און ער האט איהם גיגעבען געלד אַז ער זאל ווארטען. ווען זיי האבען גיענדיגט זייער פלפול האט ער געזעהן אַז ניט אומזוסט האט אויף איהם הגאון ר׳ יוזפא געשריבין אַ זעלכע שבחים אדרבה ער האט נאך אויף איהם ווינציג געשריבען:

און ר׳ זאב וואלף האט אָהנגעהויבען צו וויינען און ער האט געזאָגט להגאון ר׳ שלמה עס איז מיר זייער אַ שאַהד וואס איך פאהר אַוועק פון בראָד איך מוז פערלאָזען בראָד ווען איך זאל זיין אין בראָד וואלט איך געלאָפען פאר אייערט וועגען דריי מייל צו פוס כדי איהר זאלט ווערען רב. דאך פאלט ניט אָב ביי אייך איך וועל אייך געבען אַ בריעף להגאון ר׳ זלמן מרגליות אַז ער זאל שוין זעהן צו טוהן פאר אייערט וועגען איהר דאַרפט ניט בעסער אויב ער וועט נאר זאָגען אַז איהר דאַרפט

זיין

# חכמת שלמה

זײַן רב און בראָד װעט זײַכער אַזױ זײַן װײַל אָהן איהם װערד ניט געטראָגן קײן שום זאַך אין שטאָדט ער איז אַ גרױסער עושר און אַ גרױסער גאון און ער האָט תיכף אָבגעשריבען אַ בריף להגאון ר׳ זלמן מרגליות און ער האָט געשריבען אױף ר׳ שלמה קלוגער אַ גרױסען שבח און ער האָט געשריבען בעת איך בין געװעזען אײן פּיס אױף דער ערד און אײן פּיס אױף דעם װאָגען זײַבען שעה רצופים האָב איך זיך מיט איהם מפלפל געװעזען און איך האָב געזעהן אַז קײן שום זאַך איז פאַר איהם ניט פערהױלען די אַלע שערי תורה זענען פאַר איהם אָפען און ער האָט דעם בריעף איבער געגעבען ליד הגאון ר׳ שלמה קלוגער און ער האָט זיך אױף געשטעלט פון דער שטיהל און ער האָט איהם געקושט. און זײ האָבען זיך אָבגעזעגעט און הגאון ר׳ זאב װאלף איז זיך אַהײם געפאָהרען און הגאון ר׳ שלמה קלוגער איז אַרײַן געפאָהרען קײן בראָד. ער איז אַרײַן געקומען קײן בראָד איז שױן געװעזען פינסטער ער איז צו געפאָהרען צו אַ אכסניא און ער האָט זיך געלײגט שלאָפען. און דער פריה האָט ער אָבגעדאַװענט און ער האָט געגעסען פריהשטיק און ער איז געגאַנגען להגאון ר׳ זלמן מרגליות:

דער גאון ר׳ שלמה קלוגער איז אַרײַן געקומען להגאון ר׳ זלמן מרגליות דער גאון ר׳ זלמן האָט איהם געגעבען שלום און ער האָט געפרעגט װער ער איז. האָט ער איהם געענטפערט דער רב פון יוזעפאָף. דער גאון ר׳ זלמן איז געװעזען טרױד און אַ שװערע סוגיא. דער גאון ר׳ שלמה האָט געזעהן װי ער לערינט אַזױ די סוגיא האָט ער אָהנגעהױבען מיט איהם צו שמיסען פון דער סוגיא מיט גרױס חריפות. דער גאון איז זײער נתפעל געװאָרען ער האָט נאָך אַ זעלכעס ניט געהערט פון קײן שום רב. און ער האָט איהם תיכף געפרעגט װאָס ער פערלאַנגט. האָט ר׳ שלמה אַרױס גענומען די בריף און האָט זײ געגעבען להגאון ר׳ זלמן װי ער האָט אָהנגעהױבען צו לײענען די בריף און ער האָט דער זעהן די שבחים װאָס הגאון ר׳ ר׳ יוזפא האָט אױף איהם געשריבען האָט ער זיך שטאַרק געװינדערט ער האָט געקענט דעם גאון ר׳ יוזפא אַז ער איז אַ קאַרגער און שבחים און יעצט איז ער מילד געװאָרען האָט ער פערשטאַנען אַז מסתמא איז ער ראױ פון אַזעלכי שבחים. האָט ער שױן אַװעק געלײגט די גמרא און ער האָט שױן אָהנגעהױבען צו שמיסען מיט איהם און זײ האָבען זיך שטאַרק מפלפל געװעזען אין לערנען הגאון ר׳ שלמה האָט מנצח געװעזען. האָט דער גאון ר׳ זלמן געזאָגט עס האָט נאָך מיך קײנער ניט מנצח געװעזען אַ חוץ אײַך

דער

דער פּלפּול האָט אַזוי געדויערט ביז מיטאָג און הגאון ר׳ שלמה האָט זיך אויף געשטעלט און ער האָט געוואָלט געהן אויף זיין אכסניא עסין מיטאָג. ר׳ זלמן האָט איהם אָבער ניט געלאָזט און ער האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל ביי איהם עסין מיטאָג און ר׳ זלמן האָט תיכף געשיקט נאָך זיין ברודער צום מיטאָג. דער ברודער איז געקומען און ער האָט גיפרעגט ר׳ זלמנ׳ן וואָס די סיבה איז וואָס ער רופט איהם אויף מיטאָג? האָט ער איהם גיענטפערט די זאָלסט וויסען אַז איך האָב היינט אַ אורח נכבד אַ גאון עולם וויל איך אַז די זאָלסט אויף איהם קענען אין בשעת דעם עסען איז די ריכטיגע צייט צו ריידען און לערנען און די וועסט דערפון גרויס נחת האָבען:

ווי האָבען זיך אַלע דריי אַנידער גיזעצט עסין מען האָט געגרייט אַטיש כיד המלך און תיכף נאָך דער מוציא האָט מען אָהנגעהויבען צו שמיסען און לערנען און ר׳ שלמה האָט געוויזען זיין כח און לערנען און דער גאון ר׳ זלמנ׳ס ברודער האָט פיעל נחת געהאַט פון דעם און ער האָט געדאַנקט זיין ברודער וואָס ער האָט נאָך איהם געשיקט אַז ער זאָל זוכה זיין צו קענין און צו שמיסען און לערנען מיט אַזאַ גרויסען גאון. ר׳ זלמן האָט מכבד געווען דעם גאון ר׳ שלמה קלוגער אַז ער זאָל בענטשען נאָך דעם בענשען איז ר׳ שלמה געגאַנגען אויף זיין אכסניא און הגאון ר׳ זלמן מיט זיין ברודער זענען איהם געגאַנגען בעגלייטען ביז אויף דער גאַס און זיי האָבען איהם גיבעטען אַז ער זאָל מאָרגען אויף קומען ר׳ זלמן האָט געוואָהנט אויף אַ גאָהרען און היינטען האָט ער געהאַט זיין קאַנטור ווי דער גאון ר׳ זלמן איז אַראָב געגאַנגען פון די טרעפּ בעגלייטען דעם גאון ר׳ שלמה קלוגער איז פּאנקט ר׳ זלמנ׳ס שותף געווען און קאַנטור איז איהם די זאַך געוועזען אַ וואונדער ער האָט גיזעהן אַנידעריגען מענש אראָב געהן פון די טרעפּ (דער גאון ר׳ שלמה קלוגער איז געוועזען אַ נידעריגער) און הגאון ר׳ זלמן געהט איהם נאָך. ער האָט נאָך קיינמאָהל ניט געזעהן פון איהם אַז ער זאָל עמיצען אַזוי פיעל כבוד אָב געבען. האָט ער גיפרעגט להגאון ר׳ זלמן פאַר וואָס ער האָט אַזוי פיעל כבוד אָב געגעבען דעם מענש מעהר פון יעדען איינציגען? האָט ער איהם גיענטפערט איך האָב זייער ניט קיין צייט דיר צו ענטפערען באריכות ווייל איך דאַרף דאַווינען מנחה נאָר איך וועל דיר ענטפערען בקיצור דער מענש איז ממש אַ ספר תורה ווי דער שותף האָט דאָס דערהערט און ער

איז נאָך געלאָפען זעהן דעם גאון די ספר תורה. ער הט איהם שוין אָבער ניט געטראָפען ער איז שוין געוועזען און זיין אכסניא :

ער האָט אָב געדאַווינט מנחה ומעריב און ער האָט זיך געזעצט לערנען ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געלערינט ער האָט זיך געלייגט שלאָפען ווען עס איז שוין געוועזען טאָג. ער איז אַביסעל געשלאָפען און ער האָט זיך אויף געהויבען און ער האָט אויס געזאָגט גאַנץ תהלים ער האָט געהאַט אַ מנהג יעדען טאָג צו זאָגען גאַנץ תהלים און ער איז געגאַנגען דאַווינען און ער האָט אָב געגעסען פרישטיק איז ער ווייטער געגאַנגען להגאון ר׳ זלמן מרגליות :

ר׳ זלמן מיט זיין ברודער און זיין שותף הגביר ר׳ שמעון דיזע האָבען שוין געוואַרט אויף שלמה׳ן. ווי ער האָט נאָר געעפינט די טיהר האָבען זיי זיך פאַר איהם אויף געשטעלט און ר׳ זלמן האָט געגעבען אַ געשריי ברוך הבא יוזעפאָווער רב און זיי האָבען זיך ווייטער אָהנגעהויבען מפלפל זיין ביז מיטאָג און ר׳ זלמן האָט איהם ווייטער געבעטען אַז ער זאָל ביי איהם, עסין מיטאָג. נאָך מיטאָג האָט ר׳ זלמן איהם אַריין גערופען און אַ בעזינדער חדר און ער האָט איהם געזאָגט איך זעה דאָך אַז גאָט האָט אייך אויס דערוועהלט אַז .איהר זאָלט זיין ביי אונז רב נאָר איך האָב ליעב יעדען זאַך פריהער גוט צו בערעכינען. צו טוהן געלאַסען ניט גיך ע״כ בעט איך אייך אַז איהר זאָלט זיין און בראָד ביז נאָך שבועות און דאַמאָלס וועל איך שוין וויסען וואָס צו טוהן. און דערווייל וועט איהר אייך שאַפען נאָך פריינד וועלכע זיי זאָלען אייך בעהילפיג זיין. און ער האָט איהם געזאָגט צו וועמען ער זאָל געהן. האָט איהם ר׳ שלמה געענטפערט איך האָב נאָך קיין מאָהל ניט געטוהן קיין השתדלות וועגין רבנות איך זאָל בעטין ער זאָל מיר ביי הילפיג זיין צום רבנות. נאָר איך פערלאָז זיך אויף גאָט ווען ניט וואָס דער גאון יוזפא האָט אויף מיר כמעט אַזוי ווי גוזר געוועזען אַז איך זאָל פאָהרען קיין בראָד וואָלט איך ניט געוועזען געפאָהרען. נאָר אַז איך בין שוין געקומען קיין בראָד און איך האָב אייך געמאַכט פאַר אַ גוטען שליח פאַר מיינעט וועגען איז פאַר מיר שוין גענוג און צו אַ צווייטען מענש וועל איך זיך שוין ניט איבער געבען זאָל זיין וואָס עס וויל און איך וועל שוין ניט געהן צו קיינעם. זיין תשובה איז דעם גאון ר׳ זלמן זייער געפעלען ער האָט געזעהן זיין שטאַרק בטחון. האט איהם הגאון ר׳ זלמן געזאָגט איך וועל אייך צוליעב טוהן און איך וועל שוין טוהן פאַר אייערט וועגען איהר דאַרפט שוין ניט געהן צו קיינעם. נאָר דאס זעגט איהר מחויב צו טוהן איהר זאָלט געהן מקבל פנים זיין דעם בעוויסטען גאון מו״ה ארי׳ לייב

תאומים

תאומים דער בראָדער קרייז רב ער הייסט דאָך מרא דאתרא און ער איז דאָך דער זקן הדור ר׳ שלמה האָט מסכים געוועזען צו געהן צו דעם קרייז רב. איידער ר׳ שלמה איז אַוועק געגאַנגען פון ר׳ זלמן האָט איהם ר׳ זלמן גיבעטען אַז ער זאָל בּיי איהם זיין שבת און יו״ט כדי ער זאָל קענען מיט איהם שמיסען און לערנען. ר׳ שלמה האָט אפילו ניט געוואָלט צו זאָגען ווייל ער האָט ניט געוואָלט אַ הנאה האָבען פון פרעמדס. נאָר נאָך גרויס הפצרות וואָס ר׳ זלמן האָט איהם שטאַרק מפציר געוועזען האָט זיך ר׳ שלמה אָהנגערופען „אין מסרבין לגדול״ דאָס הייסט אַז אַ גדול הדור פערלאַנגט עפּיס פון אַ מענש דאַרף ער איהם פאָלגען און פון דאַמאָלס אָהן האָט שוין ר׳ שלמה גיגעסען בּיי ר׳ זלמן מרגליות. צו ר׳ זלמן מרגליות פלעגען זיך צו זאַמען קומען אַלע שבת פאַר נאַכט צו שלש סעודות פיעל לומדי תורה און ר׳ זלמן פלעגט פאַר זיי צו זאָגען חדושי תורה און צייט ר׳ שלמה האָט בּיי איהם געגעסען האָט ר׳ זלמן שוין ניט געזאָגט נאָר ער האָט מכבד געוועזען דעם גאון ר׳ שלמה אַז ער זאָל זאָגען חדושי תורה. און ר׳ שלמה פלעגט בּיי יעדען שלש סעודות צו זאָגען תורה אויף דער סדרה און אויף מדרשים פלאים מיט גרויס חריפות ובקיאות אַז אַלע לומדים זענען נשתומם געוואָרען זיין נאָמען איז בּאַוואוּסט געוואָרען אויף דער גאַנצער שטאָדט און פיעל גדולים פלעגען צו איהם אַ היים קומען אויף זיין אכסניא איהם פּרובּירען און זיי האָבּען ניט געקענט אַקעגען איהם בּיישטעהן:

דער ווייל איז פערבּיי געגאַנגען שבועות האָט הגאון ר׳ זלמן געזאָגט צו ר׳ שלמהן יעצט איז געקומען די צייט איך זאָל טוהן פאַר אייערט וועגען אַזוי ווי איך האָב אייך צו געזאָגט. און ער איז געגאַנגען להראש הקהל הגביר המפורסים מו״ה יודא נאַטענזאָהן וואָס אָהן איהם האָט מען גאָר ניט געטוהן אין שטאָדט. ווי הגאון ר׳ זלמן איז אַריין געקומען להגביר ר׳ יודא נאַטענזאָהן. איז ר׳ יודא איהם אַקעגען געגאַנגען און ער האָט איהם גיזאָגט איהר האָט זיכער צו מיר אַ נויטיגע זאַך וואָס איהר האָט אייך אַליין מטריח גיוועזען און איהר זענט צו מיר געקומען. האָט איהם הגאון ר׳ זלמן גיענטפערט אמת. איך האָב טאַקע צו אייך אַ נויטיגע זאַך. איהר ווייסט דאָך אַז עס פעהלט בּיי אונז אַ ראש בית דין און אַ מגיד און איך האָב יעצט געפונען אַ מענש אַזוי ווי מיין הארץ גלוסט אַ גרויסער גאון און אַ גוטער בעל הוראה און אַ גוטער מגיד ער איז יעצט רב און יוזעפאָף ע״כ וואָלט מיר גיפעלען מען זאָל איהם אויף נעמען ער זאָל זיין דער ראש בית

דין

דין. ווארים ניט אזוי גרינג געפינט מען אזא מענש ווי דער ראש הקהל האט דאס גיהערט האט ער געזאגט צו הגאון ר׳ זלמן עס איז מיר א ווינדער אויף אייך איהר דארפט מיך פרעגין אויב איהר פערשטעהט אז ער איז ראוי צו זיין רב און בראד קענט איהר איהם מאכען פאר א רב ווער וועט אייך זיין א קייגען ווער וועט זאגען אנדערש פון אייך. און עס איז ביי זיי גיבליבען במוסכם אז מען זאל איהם אויף נעמין פאר א רב. ווי ר׳ זלמן האט שוין געוואלט אוועק געהן האט איהם דער ראש הקהל געזאגט איין קליינע שאלה האב איך אייך צו פרעגין איך פאהר היינט קיין לעמבערג און איך וועל זיין ביי מיין קרוב הגאון מו״ה יעקב ארינשטיין אב בית דין מלעמבערג ע״כ איז ניט קיין דרך ארץ מען זאל איהם ניט פרעגען וועגען דעם. און בפרט ער קען דאך איהם ער איז דאך פריהער גיוועזען רב אין קילקוב אינטער זיין גליל איז ניט קיין דרך ארץ מען זאל איהם ניט פרעגין. הגאון ר׳ זלמן האט מסכים גיוועזען אז ער זאל פרעגין דעם לעמבערגער רב וועגין הגאון ר׳ שלמה קלוגער צו מען זאל איהם אויף נעמין פאר א רב אין בראד. הגאון ר׳ זלמן איז א היים געגאנגען פריילעך וויל ער האט פערשטאנען אז דער לעמבערגער רב וועט זיכער מסכים זיין אז הגאון ר׳ שלמה זאל ווערין בראדער רב און ער האט אלעס דערציילט ר׳ שלמהין. און האט גיבעטען ר׳ שלמהין אז ער זאל געהן צום ראש הקהל און ער זאל זיך מיט איהם פריהער זעהן איידער ער פאהרט קיין לעמבעג. ר׳ שלמה האט אבער געזאגט איך האב איינמאהל געזאגט איך וועל צו קיינעם ניט געהן. איך פערלאז זיך אויף גאט. און אויב עס איז פון גאט אז איך זאל זיין בראדער רב וועט די זאך נגמר ווערען דורך אייך אליין און ר׳ שלמה איז זיך געגאנגען אויף זיין אכסניא און ער איז גיזעסען און גילערינט די גאנצע צייט וואס דער ראש הקהל איז גיוועזען אין לעמבערג און ער איז ניט געגאנגען צו קיינעם בעטין אז מען זאל איהם א טובה טוהן:

פריטאג פרשת קרח האט ר׳ שלמהין שטארק וועה געטוהן דער קאפ ער האט געמוזט ליגען אויף זיין בעט ער האט זיך ניט גיקענט אוף הייבען. פלוצלונג האט זיך גיעפענט די טהיר און עס איז ארויין געקומען צוויי מענשען אהלגעטוהן ארינטליך און זיי האבען געזאגט צו ר׳ שלמהין מיר זענען די שמשים פון דער היגער גרויסער שוהל. און מיר זענען צו אייך געשיקט געווארען פון הגאון אדוננו מורינו ורבינו דער קרייז רב און פון הגאון ר׳ זלמן מרגליות און פון דעם ראש הקהל און זיי האבען אונז געשיקט צו אייך אז מיר זאלען אייך ווינשען מזל טוב

אז

אַז איהר זעֶנט אויף געֶנומען געֶוואָרעֶן פאַר אַ ראש בית דין און אַ מגיד משרום אין בראָד. און מאָרגען וועט איהר זאָגען אייער ערשטע דרשה אין דער גרויסער שוהל. און זיי זעֶנען זיך אַוועק געֶגאַנגען. הגאון ר׳ שלמה צוליעב זיינע גרויסע קאָפּ שמערצען האָט ער אַ גאַנצען טאָג פריי־טאג זיך ניט גיקענט אויף הייבען פון בעט נאָר פאַר נאַכט האָט ער זיך געשטאַרקט און ער האָט זיך אויף געהויבען און ער האָט אָבגעדאַווינט און דער אכסניא. אין בית המדרש אַריין האָט ער בשום אופן ניט גיקענט געהן ממילא איז ער שוין צו ר׳ זלמן מרגליות אויך ניט געגאַנגען עסין. דער גאון ר׳ זלמן האָט אויף איהם גיוואַרט אַ שעה צייט ווי ער האָט געזעהן אַז ער קומט ניט האָט ער געשיקט געוואָהר ווערען וואָס די סיבה איז פאַר וואָס ער איז ניט געקומען. האָט איהם ר׳ שלמה גיענטפערט אַז ער קען בשום אופן ניט געהן ווייל דער קאָפּ טוהט איהם שטאַרק וועה און ער קען ניט ארויס געהן פון דער שטיב. דער שליח האָט געזאָגט די תשובה להגאון ר׳ זלמן האָט הגאון ר׳ זלמן ווייטער געשיקט איהם פרעגען וואָס ער וועט טוהן מאָרגען וואָס ער דאַרף זאָגען די ערשטע דרשה די גאַנצע שטאָדט ווייסט שוין אַז ער וועט מאָרגען זאָגען אַ דרשה איז דאָך ניט פּאַסונג אַז ער זאָל ניט זאָגען און צו אַזאַ דרשה דאַרף מען זיך דאָך פריהער צו גרייטען ? האָט ר׳ שלמה גיענטפערט אַז ער זאָרגט גאָר ניט וועגען דער דרשה ער דאַרף זיך ניט צו גרייטען אַז די שמערצען וועלען אַוועק געהן וועט ער זאָגען אַ דרשה. ביינאַכט האָט ער גאָר ווינציג גיגעסען צוליעב זיינע שמערצין און ער האָט זיך צוריק געלייגט שלאָפען. נאָר ער האָט אָבער ניט גיקענט שלאָפען פאַר טאָג איז ער אַ ביסעל אנטשלאָפען געוואָרען :

ער האָט זיך אויף געהויבען און די שמערצין זענין פון איהם אָבגיטרעטין ער האָט זיך אָהנגעטוהן און ער האָט זיך אַרום גידרעהט און שטיב אַהין און צוריק און גיקלעהרט אודות די דרשה וואָס ער דאַרף היינט זאָגין דער ווייל זענין אַריין געקומען די שמשים מיט טהייל בעלי בתים לומדי תורה און זיי האָבען איהם גיבעטען אַז ער זאָל געהן מיט זיי דאַווינען אין דער גרויסער שוהל אריין ווי ער איז אַריין געקומען אין דער שוהל אריין איז איהם דער קרייז רב מיט נאָך פיעל גדולי תורה איהם אַ קעגען געגאַנגען און זיי האָבען איהם אַרויף געפיהרט אויף דער מזרח וואַנד און מען האָט איהם אַנידער גיזעצט אויף דעם ראש בית דין׳ס אָרט. נאָך דעם דאַווינען איז ער זיך געגאַנגען צו הגאון ר׳ זלמן מרגליות עסין. ער האָט

אָב גיגעסען און ער איז געגאַנגען אויף זיין אכסניא. בייטאָג איז געוואָרין אַ רעש אין שטאָדט מען האָט אָהנגעהויבען צו געהן פון אַלע זייטען דער גרויסער שוהל אַריין הערען די דרשה אַלע גאונים האָבען זיך איין געזאַמעלט אין דער גרויסער שוהל אַריין און הגאון ר׳ זלמן מרגליות און דער קרייז רב בראש. ווי הגאון ר׳ שלמה איז אַריין געקומען אין שוהל אַריין, און ער האָט דערזעהן ווי די שוהל איז פיהל מיט מענשען האָט ער זיך אַביסעל דערשראָקען און ער איז געבליבען שטעהן ער האָט זיך תיכף געשטאַרקט און ער איז אַרויף געגאַנגען אויף דער בימה. און ער האָט געזאָגט אַ דרשה מיט גרויס חריפות ובקיאות אַז אַלע לומדים זענען געבליבען שטעהן דערשראָקען זיי האָבען נאָך קיינמאָהל אַ זעלכעס ניט גיהערט. נאָך דעם האָט ער געזאָגט אַ דרוש מעניינא דפרשה מיט גרויס מתיקות. ווי ער איז אַראָב געגאַנגען פון דער בימה האָבען איהם אַלע מענשען אַרום גירינגעלט און זיי האָבען איהם געזאָגט יישר כח און זיי האָבען געשריגען מזל טוב מזל טוב יחי רבינו. די שטאָדט האָט געציטערט פון זייער געשריי. דער גאון ר׳ זלמן מרגליות האָט איהם גיבעטען צו זיך אויף שלש סעודות און עס האָבען זיך איינגעזאַמעלט כל ראשי העיר צו ר׳ זלמנ׳ן און שטיב אַריין און מען האָט גישטעלט משקה לכבוד דעם נייעם רב און די שטאָדט בראָד איז גיוועזען פרייליך:

זונטאָג האָט ער אָהנגעהויבען צו פירען דאָס רבנות און אַלע גדולים פון בראָד האָט צו איהם געשיקט פרעגען פערשידענע שאלות כדי זיי זאָלען זעהן ווי אזוי ער וועט פסק׳נן ער האָט אָבער אויף יעדער שאלה גיענטפערט כהלכה. ער האָט געפיהרט דאָס רבנות און בעסטען אָרדינונג ער האָט קיינעם נושא פנים געוועזען יעדער איינער האָט פאַר איהם מורא און דרך ארץ געהאַט. און דער גאון ר׳ זלמן מרגליות האָט איהם אָב געגעבען גרויס כבוד ער האָט געהייסען אויס רופען און דער גאַנצער שטאָדט אַז עס זאָל קיינער ביי זיך אין דער היים ניט פסק׳נן קיין שאלה נאָר מען זאָל געהן צום נייעם ראש בית דין. און דער גאון ר׳ זלמן אַליין אַז ער האָט געהאַט ביי זיך אַ שאלה הגם ער איז געוועזען אַ גרויסער בעל הוראה האָט ער ניט געוואָלט אַליין פסק׳נן נאָר ער האָט געשיקט פרעגען דעם נייעם ראש בית דין. און אַז עס האָט עמיצער מכבד געוועזען דעם גאון ר׳ זלמן מרגליות מיט אַ סנדקאות ניט ווייט פון דעם וואָהנונג פון הגאון ר׳ שלמה קלוגער דער נייער ראש בית דין אַז ער פלעגט צו געהן אויף דעם ברית מילה פלעגט ער אָבציטרעטען ביי דעם

ראש

ראש בית דין און ער איז דאָרט גיזעסען אַ ערך פון צוויי שעה די אהבה איז געוועזען צווישען זיי זייער גרויס דאָס פערשטעהט מען שוין אַליין אַז זיין שם איז בעוואוסט געוואָרען אויף דער גאַנצער וועלט און אַלע גדולי הדור האָבען אָהנגעהויבען צו שרייבען צו איהם שאלות ותשובות מען האָט איהם גערופען „רבן של כל בני הגולה" דער גאון ר' זלמן מרגליות האָט אויף איהם געזאָגט אַז ער איז אַזוי גרויס ווי דער נודע ביהודה. און יאָהר תקפ"ה האָט ער געדרוקט זיין ערשט ספר „ספר החיים" אַזוי ווי דאָס ספר איז גאָר אַרויס פון דער דרוק. האָבען עס אַלע גדולים געקויפט און זיי האָבען עס שטאַרק מחבב געוועזען :

דער בעוויסטער גאון הרב אָבערזאָן האָט שטאַרק מחבב גיוועזען דאָס ספר און ער האָט אַ סאַך און דעם געקוקט אַז זיינע תלמודים האָבען איהם גיפרעגט פאַר וואָס ער איז אַזוי מחבב דאָס ספר האָט ער געשוויגען און ער האָט זיי גאָר ניט גיענטפערט. נאָר אַמאָהל האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים אַז ער האָט גיזעהן אַ טיפע סברא אין רשב"א און ער האָט געזאָגט זיינע תלמודים די סברא. זיי האָבען שטאַרק אַ הנאה געהאַט פון דער סברא און זיי האָבען איהם גיבעטען אַז ער זאָל זיי ווייזען די סברא האָט ער אויף געמושט דאָס „ספר החיים" און ער האָט זיי בעוויזען די סברא (דער שטייגער איז אַז מען האָט אַ טיעפע סברא פון אַ היינטיגען גאון איז זי ניט אַזוי חשוב אָבער אַז מען זאָגט זי פאַר אַ פערצייטיגען וועגען ווערד זי גיכער אָהנגענומען איבער דעם האָט ער זיי צום ערשטען געזאָגט אַז ער האָט די סברא גיזעהן און רשב"א אַז ער האָט גיזעהן אַז די סברא גיפעלט זיי האָט ער זיי הערשט אויס געזאָגט ווי ער האָט די סברא גיזעהן) און ער האָט זיי גיזאָגט איהר זאָלט וויסען פאַר וואָס דאָס ספר איז ביי מיר אַזוי טייער. דאָס ספר איז ביי מיר חשוב גלייך ווי אַ ספר פון אַ פערצייטיגען מען קען זעהן און דער הסכמה וואָס הגאון ר' זלמן מרגליות האָט אויף דעם ספר גיגעבען קען מען שוין זעהן וואָס דאָס ספר איז :

דער גאון ר' שלמה קלוגער דער נייער ראש בית דין האָט געפיהרט דאָס רבנות אויף דעם בעסטען אופן די גאַנצע שטאָדט איז פון איהם געוועזען צופרידען. און ער האָט גילערענט תורה מיט פיהל תלמידים וועלכעס זיי זענען נאָך דעם געוועזען גרויסע גאונים. זיין עבודה איז ניט משער צו זיין ער איז יעדען נאַכט אויף געשטאַנען האַלבע נאַכט און ער האָט אָב גירעכט חצות מיט גרויס געוויין. ווער עס האָט גיהערט זיין געוויין איז איהם זיין האַרץ צוגאַנגען ווי וואַסער. נאָך דעם פלעגט ער אויס

זאָגין

# חכמת שלמה

זאָגען יעדען טאָג גאַנץ תהלים מיט גרויס התלהבות דער נאָך האָט ער זיך גיזעצט לערנען א שיעור ביז זיבען אַ זייגער נאָך דעם איז ער געגאַנגען דאַווענען נאָך דעם דאַווענען האָט ער געגעסען פריהשטיק דאָס עסען האָט ביי איהם ניט געדויערט מעהר ווי אַ פערטעל שעה און תיכף נאָך דעם עסין האָט ער זיך גיזעצט לערנען מיט זיינע תלמידים אַ שיעור נאָך דעם שיעור האָט ער זיך גענומען צייט צו ענטפערין יעדען איינעם אויף זיינע שאלות נאָך דעם האָט ער עוסק געוועזען בעניני הקהל בעזונדער איז ער געוועזען א אפטרופוס פאַר אָרימע לייט וועגען וואָס ער האָט פערמאָגט האָט ער צוטהיילט אָרימע לייט הגם ער אַליין איז געוועזען אַ גרויסער אָרימאַן האָט ער אויף זיך גאָר ניט געקוקט. עס איז אַ מאָהל צו איהם אריין געקומען אַ יוד און ער האָט איהם דערציילט אַז א איש נכבד איז צו איהם אַריינגעקומען און ער האָט זיך פאַר איהם מתנצל געוועזען אַז ער איז זייער אָרים און ער בעט איהם אַז ער זאָל איהם שאַפען עפּיס געלד האָט דער יוד זיך מתיעץ געוועזען מיט הגאון ר' שלמה קלוגער צו וועמען ער זאָל געהן נאָך געלד ווייל ער האָט בעדאַרפען מאַכען פאַר דעם אָרימאַנס וועגען אַ גרויסע סוממע געלד:

וויא דער גאון ר' שלמה קלוגער האָט דאָס דערהערט אַז אַזוי אַ איש מכובד איז אַ ראָב געפאַלען פון זיין מדרגה האָט ער אַרויס גענומען צוויי רייניש און ער האָט געגעבען זיין ערשטע נדבה. דער ווייל איז אריין געקומען די רבנות און זי האָט געזאָגט צו איהם אַז ער זאָל איהר געבין געלד אויף שבת האָט ער איהר געענטפערט אַז ער האָט נישט אפילו קיין פרוטה אחת האָט זי איהם געזאָגט וואָס זאָל איך טוהן דער שבת רוקט צו האָט ער איהר געזאָגט השי"ת וועט אונז בוודאי העלפען פון דאַנען קענען מיר זעהן זיין צדקות ער האָט אַ וועק געגעבען זיין לעצטען פעניג און ער האָט ניט געטראַכט פון זיינעט וועגען און ער איז אַלע מאָהל חשוב'ער געוואָרען ביי די שטאָדט לייט ער האָט אפילו געהאַט מתנגדים אויף זיך פון קנאה און אַ טייל וואָס ער האָט זיי ביי קיין דין תורה נישט נושא פנים געוועזען גאָר קיין שום מתנגד האָט ניט געוואַגט די העזה עפּיס צו ריידען אויף איהם. ווייל דער גאון ר' זלמן מרגליות און דער קרייז רב האָבען איהם שטאַרק געאַכטעט זיי האָבען נישט געלאָזט אויף איהם ריידען קיין וואָרט. אַמאָהל האָט דער גאון ר' שלמה קלוגער געכשר'ט אַ מקוה און בראָד האָט אַ גדול געוואָלט פסל'ען די מקוה ווי דער גאון ר' זלמן מרגליות האָט דער פון דערהערט האָט ער אויף דיים גדול גוט אָנגעשריגען און ער

האָט

האט אב געשריבען א תשובה אז דער גאון ר' שלמה קלוגער איז גערעכט. די אלע מתנגדים זענען שטיל געווארען און זיי האבען שוין גאר נישט גערעדט אויף הגאון דער ראש בית דין מבראד. ער איז זיך געזעסען און בראד בשלום ובשלוה:

דאס גוטע איז דאך אבער ניט אויף אייביג. דאס זיין אמת'דיגער פריינד הגאון ר' זלמן מרגליות איז נפטר געווארען פיער און צוואנציג טאג אין מנחם אב שנת תקפ"ח. די מעשה איז אזוי געוועזען דער גאון ר' זלמן מרגליות איז געפאהרען קיין סטאניסלאב אויף זיין אייניקעלס חתונה און ער האט זיך דארט געזאמט עטליכע טעג און זונטאג כ"ד מנחם אב פאר נאכט איז ער צוריק געקומען פון דער חתונה און ער האט תיכף געשיקט צום גאון ר' שלמה קלוגער איהם מודיע זיין אז ער איז שוין געקומען און ער וויל זיך זעהער מיט איהם זעהן. האט דער גאון ר' שלמה קלוגער ניט געוואלט תיכף געהן צוליעב צוויי טעמים ערשטענס וויל ער איז ניט געווען בקו הבריאה און צווייטענס וויל ער האט פערשטאנען אז דער גאון ר' זלמן מרגליות איז זיכער מיעד איז ניט קיין דרך ארץ אז ער זאל יעצט צו איהם געהן ער האט ביי זיך געטראכט זאל ער זיך אויס רוהען תיכף אין דער פריה וועל איך צו איהם געהן איהם ווינשען מזל טוב און זיך מיט איהם פריידען. עס איז דאך אבער ניט אזוי ווי דער מענש טראכט. דער גאון ר' שלמה קלוגער איז געגאנגען דאווינען מנחה ומעריב. נאך מעריב ווען ער איז א היים געגאנגען פון שוהל האט ער געהערט און גאס א געוויין און א קלאנג פון אלע זייטען די שטאדט בראד איז טרויעריג מען האט ביי איהר צו גענומען איהר שענהייט. דער גאון מרגליות איז ניט דא זיין הייליגע נשמה איז פליצלונג צווישען מנחה ומעריב ארויף און הימעל ארויין אזוי ווי א דינער האט איהם די בשורה געגעבען א קלאפ און הארץ ארייין מען קען זיך פארשטעלען די עגמת נפש פון דעם גאון. זיינע פיס זענען איהם געפאלען און ער האט זיך ניט געקענט רוהרען פון ארט. ער האט זיך געשטארק מיט זיינע לעצטע קרעפטען און ער איז תיכף געלאפען לבית ר' זלמן מרגליות געוואהר צו ווערען וואס דארט איז געשעהן. ווי ער איז צו געקומען לעבען דער שטיב איז די גאנצע שטאדט מקטן ועד גדול געשטאנען ארום דעם הויז. מיט גרויס מוה האט ער געקענט ארייין געהן לבית הגאון זצ"ל ער איז גלייך צו געגאנגען להנפטר און ער האט אהן געקוקט דאס הייליגע פנים ווי עס האט געשיינט גלייך ווי ער לעבט עס האט איהם אהנגענומען א ציטערניש און ער האט אהנגעהויבען צו וויינען

האט

# חכמת שלמה

מיט אַ יעמערליך געוויין און ער איז מיט דעם געוויין אַ היים בעגאַנגען און פאַר עגמת נפש האָט ער זיך ניט געלייגט שלאָפען די גאַנצע נאַכט נאָר ער איז בעגאַנגען אין שטיב אַהין און צוריק און געקלאַפּט איין האַנד און דער צווייטער פון גרויס צער. אין דער פריה האָט זיך די גאַנצע שטאָדט איין געזאַמעלט. פון גרויס ביז קליין אָב צו געבען דעם גאון זיין לעצטען כבוד און איהם בעגלייטען ביז צו דעם בית החיים. ביי דער שוהל איז געשטאַנען אַלע גדולי העיר און בראש דער גאון ר׳ שלמה קלוגער אַזוי ווי די נושאי המטה האָבען זיך אָב געשטעלט מיט דער מטה האָט דער גאון ר׳ שלמה קלוגער איהם מספיד געוועזען אַזוי ווי עס גיהערט צו אַזאַ גאון צדיק וקדוש אַז די אַלע לומדים האָבען געזאָגט אַז זיי האָבען נאָך אַזא הספד ניט גיהערט. בּיסליכוויין האָט זיך דער טרויער אויף געהערט אָבער ביי דעם גאון ר׳ שלמה קלוגער איז דער טרויער געבליבען ווייל ער האָט געוויסט אַז אַזוי ווי ער האָט פיהל פריינד אַזוי האָט ער פיהל שונאים נאָר כל זמן דער גאון ר׳ זלמן מרגליות האָט גילעבט האָבען די שונאים ניט געקענט אַרויס טרעטען אַ קעגען איהם ווייל זיי האָבען מורא גיהאַט פאַר דעם גאון ר׳ זלמן מרגליות. אָבער יעצט אַז דער גאון ר׳ זלמן מרגליות איז נפטר גיוואָרען וועט איהם בייהילפיג זיין אַ קעגען זיינע שונאים צוויי יאָהר צייט פון יאָהר תקפ״ח ביז תק״צ איז אַדורך געגאַנגען שטיל און רוהיג דער גאון ר׳ שלמה קלוגער איז זיך געזעסען על התורה ועל העבודה עס האָט איהם קיינער ניט געשטערט:

און יאָהר תק״ץ האָט זיך אָהן געהויבען אַ מחלוקת און שטאָדט דאָס דער גאון האָט מתיר געוועזען אַ אשה וואָס איהר מאַן איז געשטאָרבען און ער האָט ניט געהאַט קיין קינדער וואָלט זי בעדאַרפען נעמען חלוצה נאָר דער מאַן האָט אָבער נישט געהאַט קיין ברודער איז דאָך דער דין אַז זי מעג חתונה האָבען. איהר שוועגער איז אויף איהר ביי געוועזען האָט זי געזאָגט אַז ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט איהר מאַן האָט ער געהאַט נאָך אַ זוהן נאָר ער האָט איהם שטאַרק געשלאָגען איז ער אַוועק געפאָהרען קיין בריסק קומט דאָך אויס אַז דער מאַן פון דער אשה האָט אַ ברידער על כן טאָהר די אשה נישט חתונה האָבען אָהן חלוצה. דער גאון ר׳ שלמה קלוגער האָט גובה עדות געוועזען און ער האָט געזעהן אַז און איהר עדות איז נישט דאָה קיין ממש האָט ער מתיר געוועזען די אשה חתונה צו האָבען זענען אַרויס קעגען איהם פיעל גדולים און זיי האָבען אָהנגעמאַכט אַ רעש און שטאָדט אַז ר׳ שלמה קלוגער

קלוגער האט מתיר געווען די אשה שלא על פי דין דער גאון ר׳ שלמה קלוגער האט אב געשריבען א תשובה און ער האט אויס געוויזען אז ער איז גערעכט. זיינע מתנגדים האבען זיך אבער נישט געוואלט בערוהיגען מיט דעם און זיי האבען זיך געהאלטען ביי זייערס אז ער האט די אשה מתיר געווען שלא ע״פ דין האט דער גאון ר׳ שלמה קלוגער געזאגט ווער קען אויס ווייזען דער גאון ר׳ זלמן מרגליות לעבט שוין נישט מוז מען זיך ווענדען צו פרעמדע גדולי התורה האט ער אב געשריבען א תשובה להגאון ר׳ יעקב מליסא און להגאון ר׳ יעקב אורינשטיין מלעמבערג און להגאון ר׳ עקיבא איגר און צו נאך פיעל גאונים ווי זיי האבען דערהאלטען די תשובה מהגאון ר׳ שלמה קלוגער האבען זיי אלע גיענפערט מיט איין לשון אז דער גאון ר׳ שלמה קלוגער איז גערעכט און די אשה מעג חתונה האבען צו איין אנדערען מאן ׳און ווער עס זאגט פערקעהרט איז גלייך ווי ער זאגט אויף לינקס אז עס איז רוכט מען האט יעדער איינער ארויס געזעהן דעם אמת די אשה האט מען אויף איהר געזאגט אז זי וועט שוין קיין קינדער נישט האבען און גאט האט איהר געהאלפען אז זי האט געהאט קונדער און דער מאן האט שוין אויך געהאט צוויי ווייבער און ער האט מיטביידע ניט געהאט קיין קינדער און דא אז זיי האבען חתונה געהאט און זיי האבען געהאט קינדער דאס האט גאט געטוהן כדי יעדער זאל זעהן דעם גאון׳ס גירוכטקייט און גאט האט געהאלפען אז דאס מחלוקת איז שטיל געווארען:

דער גאון ר׳ שלמה קלוגער האט שוין גירעכענט אז פון יעצט אהן וועט ער שוין זיצען רוהיג. צום בעדארען איז אבער ניט קיין גוט ניי׳עס אונטער געקומען. און יאהר תקצ״א איז אהנגעקומען קיין איירפא די חאליירע צוליעב דער מלחמה וואס איז גיוועז אין רוסלאנד מיט טערקיי האט זיך פון אזיא פערשלעפט די ביטערע קרענק. די קרענק האט זיך פער שפרייט אויף דער גאנצער וועלט און וועלכע שטאדט זי האט זיך אריין געכאפט האט זי פיעל קרבנות גי׳שחטין. פאר שבועות האט זיך די קרענק אריין געריסען קיין בראד פיעל מענשען זענען גישטארבען. קען מען שוין פערשטיין וואס פאר א שלעכטע צייט די שטאדט האט דאמאלסט געהאט פפרט די ארימע לייט. עס האט קיינער ניט געהאט דאס געדולט צו קלערין לטובת די ארימע לייט יעדער איינער האט געווג געהאט מיט זיך צו טוהן יעדער איינער איז גיזעסען און שטיב מען האט ניט ארויס גיזעהן קיין מענש אויף דער גאס דער מצב פון די ארימע לייט איז זייער שלעכט

גיוו עזין

גיִוועזען. דער גאון ר' שלמה קלוגער האט אָבער ניט גערוהט ער האט אויף זיך ניט געקוקט חאטש די דאקטוירים האבען געזאגט אז עס איז א סכנה ארויס צו געהן אויף דער גאס ער האט אויף דעם אלעמען ניט געקוקט ער האט געארבייט ביי טאג און ביי נאכט לטובת די ארימע לייט ער פלעגט ארום צו געהן און אלע שפיטעלער און אכסניות צו געבין אויף די קראנקע ארימע לייט די קרענק האט זיך אלע מאהל געשטארקט אז כמעט עס איז ניט גיוועזען קיין שטיב אז עס זאל דארט ניט זיין קיין מת. ע״כ איז תכריכם זייער טייער געווארען עס איז שווער גיוועזען צו קויפען פאר די ארימע מתים ווענען תכריכים ע״כ האבען די ראשי הקהל גימאכט ווענין דעם א אסיפה און דעם גאון האבען זיי ניט גערופען און זיי האבען בעשטימט אז די ארימע מתים זאל מען בעגראבען און זייערע מלבושים אהן תכריכים:

ווי דער גאון איז פון דעם געוואהר געווארען און שוהל בעת ער איז געקומען דאווינען מנחה ומעריב האט ער שוין ניט גיקענט רוהען היתכן צו טוהן אזא בזיון די ארימע מתים און ער איז שוין נאך מעריב ניט אהיים געגאנגען צו זיך אהיים נאר ער איז געגאנגען צו דעם גרעסטען ראש הקהל. דער ראש הקהל איז געזעסען צוליעב דער קרענק סגור ומסוגר ביי זיך אין שטיב און ער האט צו זיך ניט אריין געלאזט קיין מענש. דער גאון האט אבער אויף דעם ניט געקוקט און ער איז צו איהם אריין געגאנגען און ער האט אויף איהם אויס געגאסען זיין גאנצען כעס ער האט ניט געקוקט וואס דער גביר איז גיוועזען פון זיינע בעסטע ידידים ער פלעגט איהם פיעל מאהל צו שטיצען מיט געלד. און ער האט צו איהם געזאגט איך האב היינט גיהערט אז עס איז נגמר געווארען אויף דער אסיפה אז מען זאל די ארימע מתים בעגראבען אהן תכריכם איך קען עס ניט פערטראגען פאר וואס זאלט איהר זיין אזוי בארייש איהר טראכט ביי אייך אז די קרענק וועט אייך ניט טרעפען אונז וועט גאר ניט שאדען מיר האבען דאך געלד! איך שווער אייך אז איהר האט א טעות פון דעם טוידט קען מען זיך מיט קיין געלד ניט אבראטיווען אויב איהר וועט אזא בזיון אהן טוהן די ארימע מתים וועט איהר זיין גלייך מיט זיי. דער גביר איז זייער דערשראקען געווארען הערענדיג די רייד ער האט נאך צייט ער לעבט קיין זעלכע רייד פון קיין מענש ניט גיהערט איבערהויפט האט ער זיך ניט געגלייבט צו הערען א זעלכע רייד פון גאון ר' שלמה קלוגער וועלכעס ער איז געוועזען זיין בעסטער פריינד און ער פלעגט איהם

פיעל מאהל מהגה זיין און איבערהויפט און אזא שרעקליכע צייט וואס מען לעבט און שרעק און מורא פאר דעם מורא'דיגע קרענק אומגליקליך וואלט געוועזען דער מענש וואס ער זאל עפיס ריידען אשלעכט ווארט. דאך האט ער זיך איינגעהאלטען און ער האט דעם גאון גאר ניט געזאגט און ער האט איין געהאלטען זיין כעס און ער האט בקיצור גיענטפערט דעם גאון איך בין ניט געוועזען אויף דער אסיפה און איך ווייס פון דעם גאר ניט. נאר ביינאכט קען איך גאר ניט טוהן מארגען וועל איך שוין זעהן צו טוהן וועגען דעם און דער גאון איז אהיים געגאנגען:

בייא די דאזיגע רייד איז פונקט געוועזען און שטיב דעם גביר'ס א מענש ער איז געוועזען א למדן און א חכם און א גוטער פריינד דעם גאון איז ער נאך געגאנגען דעם גאון און ער האט איהם געפרעגט היתכן ווי אזוי האט איהר אייך איין געשטעלט איהם צו זאגען אזעלכע רייד ער וועט דאך זייער און כעס ווערען אויף אייך קענט איהר דאך האבען א שאהדען (ווייל ער האט גיקענט דעם גביר אז ער איז א כעסין) האט איהם דער גאון גיענפערט גאט איז מיט מיר איך האב פאר קיין מענש ניט קיין מורא איך פאר זיכער זיך און גאט צו ליעב דעם וואס איז מיך א מאהל מהגה זאל איך איהם נושא פנים זיין? און דער גאון איז זיך אהיים געגאנגען, ביי נאכט האט דער גביר ניט געקענט שלאפען און ער האט אהנגעהויבען צו שפירען א ווייטאג און בויך און ער האט געהאט שלשול עטליכע מאהל און דער נאכט ער האט זיך זייער דערשראקען ער האט מורא געהאט אז דעם גאון'ס הקפדה האט איהם נישט געשאדעט אזוי ווי עס איז טאג געווארען האט ער געשיקט רופען זיין משרת און ער האט איהם געזאגט איך האב מורא אויב דעם גאון'ס הקפדה האט מיר נישט געשאדעט ע"כ געה שנעל און בעהט איהם איבער און זאג איהם פון מיינעט וועגען אז תיכף נאך דעם דאווינען זאל ער צו מיר קומען און איך וועל זעהן בכל כוחי משתדל צו זיין אז עס זאל זיין תכריכים פאר די ארימע מתים וועגען און ער האט איהם געגעבען אכצעהן רו"כ ער זאל זיי געבען דעם גאון אויף פדיון נפש:

דער מענש איז תיכף געלאפען להגאון און ער האט געטוהן אלעס וואס דער גביר האט איהם געהייסען תיכף נאך דעם דאווינען איז הגאון נאך פאר דעם עסין געגאנגען צום גביר. דער גביר האט איהם שעהן אויף גענומען און ער האט זיך מתנצל געוועזען אז ער איז נישט געוועזען ביי דער אסיפה און ער ווייסט גאר נישט וואס עס איז דארט

גיווארען

גֶעוואָרֶען און עֶר האָט גִיגֶעפֶּענט זַיין קאַסֶע און עֶר האָט אַרויס גֶענוּמֶען צווַיי טויזֶענד רו״כ און עֶר האָט גֶעגֶעבֶּען להגאון און עֶר האָט צוּ אִיהם גֶעזאָגט דאָס גִיבּ אִיךְ אַיין נדבה און גֶעהט צוּ אַלֶע גבירים און נֶעמט צוּ זאַמֶען אַ סומֶע גֶעלד און פאַר דעֶם געֶלד ווֶעט מעֶן קויפֶען תכריכים פאַר די אָרימֶע מתים ווֶעגֶען. דעֶר גאון אִיז אַרויס גֶעגאַנגֶען פוּן דעֶם גביר בשמחה און עֶר אִיז טאַקִי תיכף גֶעגאַנגֶען צוּ אַלֶע גבירים און עֶר האָט צוּ זאַמֶען גֶענוּמֶען אַ גרויסֶע סומֶע גֶעלד ובזכות זה האָט זִיךְ השי״ת מרחם גֶעוועֶזֶען אויף דעֶר שטאָדט און די מגפה האָט אויף גֶעהעֶרט:

דעֶר גאון האָט אָבּער נִיט גֶעהאַט קַיין מנוחה דאָס אִין ערשטֶען טאָג חול המועד פסח שנת תקצ״ב אִיז נפטר געוואָרען הגביר הנדיב מו״ה יודיל באַטִיבזאָהן וואָס ער אִיז גִיוועֶזעֶן דעֶם גאון׳ס גרעסטעֶר ידיד און עֶר פלעֶגט אִיהם אפט מהנה זַיין און עֶר פלעֶגט תמיד שטעהן און זַייט ווֶעגֶען עֶס פלעֶגט זִיךְ עפִּיס מאַכֶען אַ מחלוקת און שטאָדט פלעֶגט עֶר מִיט אַלֶע כוחות צוּ שטעֶהן און העלפֶען דעֶם גאון עֶר האָט נִיט גִילאָזט רַיידעֶן אויף דעֶם גאון קַיין שלעכט וואָרט און אַיידער ער האָט זִיךְ דעֶרוויסט פוּן דעֶם גביר׳ס פטורה אִיז אִיהם גִיזאָגט געוואָרֶען דאָס דעֶר גאון מלוסא אִיז נפטר גִיוואָרֶען זַיי זעֶנעֶן גִיוועֶזין אָהן געֶקניפּט אַיינעֶר צוּם צווַייטעֶן מִיט גרויס לִיבּשאַפט. עֶס אִיז אִיהם אַ שאָהד גִיוועֶזעֶן אַזעֶלכֶע צווַיי קדושים און אַזעֶלכִי צווַיי גוטֶע פרַיינד עֶר האָט גִיזֶעהן אַז זַיינֶע שונאים בעֶקומֶען אַלֶע מאָהל אַ גרעֶסעֶרֶען כח. און יאָהר תקצ״ד אִיז עֶר אַלט גֶעוואָרֶען פוּנפצִיג יאָהר. האָט עֶר געֶשרִיבּעֶן זַיין עֶרשטֶע צוואה הגם עֶר אִיז נאָךְ גִיוועֶזעֶן בַּיי די בעֶסטֶע כוחות דאָךְ האָט עֶר זִיךְ צוגעֶגרַייט צוּם יום המיתה און עֶר האָט זִיךְ געֶקויפט תכריכים. פִיעֶל מאָהל בַּיינאַכט פלעֶגט עֶר זִיךְ אָהנטוהן די תכריכים און עֶר האָט שטאַרק געֶווַיינט און עֶר האָט זִיךְ אָהנגעֶגרַייט ארץ ישראל עֶרד עֶר האָט זִיךְ צוּ געֶגרַייט צוּם טוידט עֶר האָט שטעֶנדִיג גִידעֶנקט און דעֶם יום המיתה פוּן זַיין יוגעֶנד אָהן:

און דעֶם זעֶלבּעֶן יאָהר אִיז בַּיי דעֶם גאון פאָרגעֶקוּמעֶן אַ מעשה וואָס יעֶדִין אַיינעֶר האָט גִיזֶעהן זַיין צדקות אום פורים פלעֶגעֶן אִיהם אַלֶע גבירים שִיקען משלוח מנות. אִיז גִיוועזען אַיין גביר וואָס ער פלעגט אִיהם יעדען יאָהר שִיקען אַ רענדִיל. דאָס יאָהר האָט ער אִיהם געשִיקט זעקס רענדלִיךְ האָט זִיךְ דער גאון אַראָב גענומען אַיין רענדִיל און פונף האָט ער אִיהם צורִיק געשִיקט. די זאַךְ אִיז זַיין בני בית גִיוועזעֶן אַ פלא האָבּעֶן זַיי אִיהם גִיפרעגט פאַר וואָס ער שִיקט אִיהם צורִיק פונף רענדלעֶךְ האָט עֶר זַיי גִיעֶנטפעֶרט

גיענטפערט דער גביר שיקט מיר תמיד איין רענדיל פאר וואס האט ער מיר געשיקט זעקס. מסתמא דארף ער האבען א דין תורה מיט איינעם וויל ער מיך משחד זיין און וויל ער ווייסט אז איך וועל ניט נעמען קיין שוחד און איך וועל איהם ניט נושא פנים זיין וויל ער איינוויקלען דעם שוחד אין משלוח מנות איך פערשטעה אבער אז ער מיינט ניט קיין משלוח מנות ע״כ האב איך איהם צוריק געשיקט פונף רענדלען. אכט טעג נאך פורים איז דער גביר צו איהם געקומען אז ער זאל איהם געבען א הכשר אויף דעם ראם וואס ער האט גיברענגט פון לאנדען בהכשר הרב מלאנדען:

האט זיך דער גאון זייער דערפרייד און געדאנקט השי״ת וואס ער האט איהם אבגעהיטען פון נעמען שוחד און ער האט געזאגט חלילה איך וועל אייך ניט געבען קיין הכשר אויף דעם ראם און ער האט תיכף אבגעשריבען א תשובה און אויף געוויזען אז דער ראם איז חמץ מען טאהר איהם ניט טרינקען און פסח. דאמאלס האט די שטאדט געזעהען זיין צדקות:

און יאהר תקצ״ח צוואנציג טאג און ניסן איז איהם זיין וויב געשטארבען און א יאהר ארום האט ער גענומען דאס צווייטע וויב און ער האט פון איהר געהאט צום ערשטען צוויי קינדער און זיי האבען נישט לאנג געלעבט זיי זענין יונגע הייט געשטארבען דערנאך האט ער געהאט א זוהן הרב הגאון מו״ה אברהם בנימין קלוגער און ער האט זיך מיט איהם זייער געפרייד און ער האט תיכף געשריבען בריעף צו אלע זיינע ידידים די גאונים אז זיי זאלען מתפלל זיין אויף דעם קינד אז ער זאל מאריך ימים זיין און ער זאל זיין א גדול בתורה וביראה די אלע גאונים האבען איהם תיכף גיענפערט א מזל טוב און האבען איהם געווינשען אז דאס קינד זאל מאריך ימים זיין און ער זאל פערשאנען די וועלט מיט זיין תורה עס איז געקומען דער אכטער טאג איז אין שטאדט געוועזען א שמחה און אלע גדולי העיר זענען געקומען אין שוהל אריין אויף דעם ברית מילה און דער גאון האט געמאכט א גרויסע סעודה הן צו די נכבדים הן צו די ארימע לייט זיין שטיב איז געוועזען פיעל מיט מענשען:

און יאהר תר״ג האט זיך ווייטער געמאכט נייעס וועלכעס דער גאון האט ווייטער קיין מנוחה ניט געהאט. און ברדיטשוב האט זיך געמאכט א גרויס מחלוקת צוליעב א שוחט. און ברדיטשוב איז געוועזען א שוחט ער האט געהייסען אברהם ער האט שטארק מיקל געוועזען אין די סרכות און אהנפאנג האט ער געמאכט אז עס זאל קיינער ניט בעמערקען. נאך דעם

האט

# חכמת שלמה

בײַ איהם איז עס בהמה יעדער געמאַכט כשר בפרהסיא שוין ער האָט האָבען שטאָדט פון ערליכע די געוואָרען. טרפה ניט בהמה איין קיין דאָס קומען פאָר אַזעלכעס זאָל עס היתכן געשריי אַ געמאַכט זײַ האָבען דערהערט זײַ וואָס די ווײַל געהערט ניט קײנער אָבער זײַ האָט עס שטאָדט אין פאַר ווײַל שוחט דעם מיט געהאַלטען האָבען פאַכט די געהאַלטען האָבען פאַר ווײַל געוואָרען. כשר זענען בהמות אַלע אַז געווען בעסער איז זײַ זײַ און בהמה. טרפה א פאַר ווי מעהר גענומען מען האָט בהמה כשרה א געהאַט. מורא זײַ פאר יעדער האָט עס מענשען שטאַרקע געווען זענען ובראשם שטאָדט פון יראים אין לומדים אלע גענומען צוזאַמען זיך האָבען בעשטימט אלע האָבען זײַ און אסיפה א געמאַכט האָבען זײַ און רב דער רחמנות זאָל ער אַז קלוגער שלמה ר׳ הצדיק גאון דעם בעטען זאָל מען אַז צו זעהן זאָל ער און קומען זײַ צו זאָל ער און שטאָדט דער אויף האָבען ברדיטשוב קײן געפאָהרען איז גאון דער. ניט צו שוחט זײַן מעג שוחט דער ערשטען זײַן פון זוהן עלצטען זײַן גענומען זיך מיט האָט ער און אַז משרת דעם און זוהן זײַן אָהנגעזאָגט האָט ער און משרת אַ און ווײַב האָט ער ווײַל איז ער ווער זאָגען אום ניט וועג דעם אויף זאָלען זײַ גאָר אָבער האָט עס. כבוד געבען אָב איהם זאָל מען אַז געוואָלט ניט קײגען אַ שטאָדט גאַנצע די איהם איז געקומען איז ער ווי געהאָלפען ניט נאָהנט געקומען איז ער ווי. געלייטען זײַער דעם פון האָט ער. געגאַנגען איז המון דער געפאָהרען קײגען אַ העיר גדולי אַלע איהם זענען ברדיטשוב פון און געפיהרט אַרײַן איהם האָט מען און פיס צו געגאַנגען קײגען אַ איהם הארץ זײַער ווײַל שמחה גרויס מיט און כבוד גרויס מיט אַרײַן שטאָדט ארויס זײַ וועט ער מושיע מלאך זײַער זײַן וועט ער אַז געזאָגט זײַ האָט
העלפען פון דעם שוחט :

דער גאון איז אַרײַן געקומען קײן ברדיטשוב דאָנערשטיג פאַר נאַכט א גאַנצע נאַכט האָט ער זיך ניט געלייגט שלאָפען ווײַל אַלע מאָהל זענען אַנדערע מענשען צו איהם אַרײַן געקומען איהם געבען שלום. שבת זענען צו איהם ווײַטער געקומען אַלע גדולי העיר און ער האָט פאַר זײַ פיעל תדושי תורה געזאָגט. מען האָט איהם פיהל משקה געשיקט. מיטוואָך איז דער גאון געפאָהרען מיט דעם שוחט און שעכט הויז אַרײַן און ער האָט זיך גוט צו געקוקט ווי אַזוי ער טוהט און ער איז צוריק געפאָהרען אין זײַן אכסניא אַרײַן און ער האָט זיך געזעצט לערנען. די טהיר האָט קײן רגע ניט גערוהט אַלע מאָהל זענען אַרײַן געקומען אַנדערע מענשען צום גאון
אײזער

איינער אַ שאלה פ׳עגען איינער שמיסען און לערנען איינער איין עצה פרעגען און ער האט י׳דען איינעם דעם ריכטיגען ענטפער גיענטפערט יעדען איינער איז אַרויס געגאַנגען צופרידען. יעדער איינער האט געזאָגט וואָהל איז אונז אַז מיר האָבען זוכה גיוועזען אַז אַזאַ גדול הדור זאָל זיין ביי אונז אין שטאָדט גאַנץ רוסלאנד האט זיך דערוויסט אז דער גאון ר׳ שלמה קלוגער איז דאָ אין ברדיטשוב פון אַלע זייטען זענען די רבנים און גדולי התורה געקומען צום גאון מיט איהם שמיסען און לערנען, אַזעלכי רבנים וואָס זיי האָבען געוואָהנט וויט פון ברדיטשוב און זיי האָבען ניט גיקענט פאָהרען האָבען זיי צו איהם געשיקט שלוחים מיט בריף מיט שאלות און ער האט יעדען איינציגען גיענטפערט דעם ריכטיגען ענטפער. ער האט קיין רגע ניט גיהאַט קיין רוה זיין בעל אכסניא איז ביי איהם כסדר גיזעסען און ער האט זיך גוט צו געקוקט אויף זיין התנהגות. האט ער זיך שטאַרק געווינדערט ער האט געזאָגט אַז דער גאון איז ניט בגדר אנושי ער איז פשוט אַ מלאך:

דער גאון האט תיכף געזעהן אַז דער שוחט איז אַ מאכל טריפות דאָך האט ער געשוויגען און ער האט גאָר נישט געזאָגט ווייל ער האט זיך תיכף אויסגענומען מיט די ראשי הקהל אַז כל זמן ער וועט זיין אין בערדיטשוב וועט ער קיינעם ניט זאָגען ווי אַזוי דער שוחט גיפעלט איהם ווייל ער האט געוויסט אַז אויב ער וועט זיי עפּיס זאָגען שלעכטס אויף דעם שוחט וועט איהם דעם שוחט׳ס צד מסריין אַזוי ווי דער סוף איז געוועזען צ״כ האָטש און דעם ערשטען מאָהל האט ער תיכף געזעהן אַז דער שוחט טאָהר נישט שחטין דאָך איז ער נאָך צוויי מאָהל מיט געפּאָהרען מיט דעם שוחט און שעכט הויז אַריין כדי ער זאָל ניט בעמערקען וואָס ער האַלט וועגען דעם שוחט. נאָך דעם דריטען מאָהל האט ער געזאָגט אַז ער האט שוין גענוג. דער שוחט האט שוין געהאַט געשאָכטען הינדערט און דרייסיג בהמות איז שוין גענוג און ער איז אַהיים געקומען פון שעכט הויז שטאַרק צורידערט און ער האט גאָר ניט געוואָלט עסען פון גרויס עגמת נפש וואָס ער האט געזעהן צו וואָס פאַר אַ מכשלים די שטאָדט קומט און ער קען זיי תיכף ניט העלפען ער מוז וואַרטען ביז ער וועט אַהיים קומען ווייל ער האט מורא געהאַט פאַר די מוסרים זיי זאָלען איהם נישט מסריין דער בעל אכסניא האט איהם געפרעגט פאַר וואָס ער געהט ניט עסען האט ער איהם גיענטפערט אַז ער איז ניט געזינד און ער קען ניט עסען. דעם שוחט׳ס צד האט געפּאָרשט בײַ יעם גאון׳ס זוהן און ביי זיין

משרת וואָס דער גאון זאָגט עפּיס אויף דעם שוחט זײ האָבען אָבער גאָהר ניִשט געוויסט וואָס צו ענטפערען ווײל דער גאון האָט אפילו זײן זוהן אויף גאָהר ניט געזאָגט וועגען דעם שוחט זײ האָבען תיכף חוקר ודורש געווען בײ דעם בעל אכסניא אפשר ווײסט ער עפּיס. ער האָט אָבער אויף גאָר נישט געוויסט ווײל דער גאון האָט מיט קײנעם ניט גערײדט וועגען דעם שוחט. נאָך דעם דריטען מאָהל וואָס ער איז געוועזען אין שעכט הויז האָט ער שוין געוואָלט אַהײם פאָהרען נאָר ער האָט ניט געקענט פאָהרען ווײל די רײזע פעסער האָט מען געהאַט אַ וועק געשיקט צום גיבערנאַטער קײן זיטאָמיר ער זאָל זײ אונטער שרײבען און זײ זענען נאָך נישט צוריק געקומען האָט דער גאון געמוזט זיצען אין בּרדיטשוב דרײ וואָכען ביז די פעסער זענען צוריק געקומען פון זיטאָמער די גאַנצע דרײ וואָכען וואָס ער איז געזעסען און בּרדיטשוב איז ער ניט געזעסען קײן רגע לײדיג נאָר ער האָט געמשפּט דאָס פאָלק און ער האָט פיעל תקנות מתקן געוועזען אין שטאָדט און אין שעכט הויז. ענדע דרײ וואָכען זענען די פּעסער צוריק געקומען פון זיטאָמיר און דער גאון האָט זיך אָהנגעהויבען צו צו גרײטען צו דער רײזע און ער האָט פאַר קײנעם נישט אויס געזאָגט ווען ער וועט אַ הײם פאָהרען. דעם לעצטען שבת זענען בײ איהם געוועזען אַלע גבירים און אַלע גדולי ונכבדי העיר. מוצאי שבת בײ נאַכט האָט הגביר ר׳ ישראל האַלפּרין געמאַכט אַ סעודת מצוה לכבוד דעם גאון און אַלע גדולי העיר זענען געקומען אויף דער סעודה. בײ דער סעודה האָט דער גאון געזאָגט צו הגביר ר׳ ישראל האַלפּרין אַז ער וויל מאָרגען גאַנץ פריה - אַהײם פאָהרען. מען האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל וואַרטען ביז נאָך מיטאָג כדי די גאַנצע שטאָדט זאָל איהם קענען געהן בעגלײטען און זיך מיט איהם געזעגענען ער האָט אָבער ניט געוואָלט ער האָט געזאָגט אַז ער וויל אַז עס זאָל קײנער נישט וויסען ווען ער פאָהרט אַ וועק:

נאָך דער סעודה איז דער גאון בעגאַנגען אויף זײן אכסניא און די אַלע מענשען וואָס זײ זענען געוועזען בײ דער סעודה זענען ניט אַהײם בעגאַנגען שלאָפען נאָר זײ האָבען געזאָגט אַז זײ וועלען פאָהרען בעגלײטען דעם גאון. עס האָט אָהנגעהויבען צו ווערען טאָג איז דער גאון אויף געזעסען אויף דער פיהר און ער איז אַוועק געפאָהרען פון שטאָדט. און די אַלע גדולי העיר זענען נאָך געפאָהרען און דער גאון האָט פון דעם ניט געוויסט. ווי דער גאון איז געקומען אין אַ דאָרף אַרײן האָט ער בעהײסען דעם בעל עגלה שטעהן כדי ער זאָל אַרײן געהן און אַ שטיב

ארײַן

אַרײַן דאַווינען. ווי ער איז אַראָב געגאַנגען פון דער פיהר האָט ער דערזעהן ווי אַלע גדולי העיר זענען געקומען מיט איהם האָט ער זיך זייער געוואונדערט אויף זיי האָבען זיי איהם געזאָגט אַז זיי זענען געקומען זיך געזעגנען מיט איהם און זיי ווילען אז ער זאָל זיי בענטשען. דער גאון האָט אויף געהויבען זיינע הענד און ער האָט זיי געבענטשט און זיי האָבען געוויינט ווייל עס איז זיי אַשאָד געוועזען זיין אַוועק פאָהרען פון זיי. דער גאון האָט אָב געדאַווענד און ער האָט געהייסען גיך פאָהרען מאָנטאג פאַר נאַכט איז ער אַריין געקומען קיין בראָד. פון דעם גיכען פאָהרען זעהט מען אַז אַ רוח נביאה איז איהם געוועזען הגם ער האָט און ברדיטשוב גאָר ניט געזאָגט אודות דעם שוחט דאָך האָט דעם שוחט׳ס צד פערשטאַנען אַז דער שוחט איז איהם ניט גיפעלען האָבען זיי איהם גע׳מסר׳ט פאַר דעם קיסר. אַז עס איז געקומען אַ מענש פון עסטרייך און ער וויל קאַלי מאַכען די טאַקסי און נאָך כהנה וכהנה:

אין דעם זעלבען טאָג וואס דער גאון איז אַוועק געפאָהרען פון ברדיטשוב איז אָהנגעקומען אַ בעפעהל אַז מען זאָל דעם גאון אַרעסטירען און מען זאָל איהם פיהרען קיין קיעב. מי יודע וואָס עס וואָלט גיוועזען ווען דער גאון זאָל נאָך גיוועזען זיין אין ברדיטשוב. די גאַנצע שטאָדט ברדיטשוב זענין גיוועזען פרייליך און זיי האָבען אָב גיגעבען אַ שבח צו גאָט וואָס דער צדיק איז ניצל געוואָרען פון די רשעים און זיי האָבען תיכף מודיע גיוועזען די בשורה דעם גאון. אַזוי ווי דער גאון איז אַ היים געקומען האָט ער תיכף אָב געשריבען אַ בריעף צו די ראשי הקהל פון ברדיטשוב אַז דער שוחט איז אַ גרויסער מיקל און די סרכות ער רייסט אָב די סרכות אַזוי שנעל אַז קיין מענש קען ניט מרגיש זיין נאָר ער האָט מרגיש גיוועזען. און אויסער דעם טרינקט ער פיעל משקה אַז ער איז שטענדיג שיכור ע״כ איז זיין דעה אַז מען זאָל דעם שוחט אָב זאָגען פון זיין שטעלע:

ווי דעם שוחט׳ס צד האָט דערהערט פון דעם פסק. האָבען זיי אָבגעשריבען אַ בריעף צו אַ רב פון גאַליציע און זיי האָבען איהם גיבעטען אַז ער זאָל העלפין און ער זאָל מבטל זיין דעם פסק פון הגאון ר׳ שלמה קלוגער דער רב האָט שוין לאַנג געזוכט דאָס גילעגענהייט ער זאָל ר׳ שלמה קלוגער׳ס כבוד נידעריגען ווייל ער האָט געהאַט אויף איהם קנאה דאָס ער איז דער גרעסטער גאון פון דער וועלט און יעדער איינציגער וואָס ער האָט אַ שווערי זאַך ווענדעט זיך להגאון ר׳ שלמה קלוגער און איהם לאָזט מען זיצען האָט ער יעצט געפינען דאָס גילעגענהייט. און ער האָט געשריבען בריעף צו אַלע

# חכמת שלמה

אלע גרעסטע רבנים פון גאליציע אז זיי זאלען מבטל זיין דעם פסק פון הגאון ר' שלמה קלוגער. ער האט אזוי לאנג געזוכט ביז ער האט געפינען א יונגען רב וואס ער איז אמאהל געוועזען דעם גאון'ס א תלמיד און זיי האבען ארויס געטרעטען שריפטליך געגען דעם גאון און זיי האבען איהם מבזה געוועזען. דער גאון איז אבער גאר ניט נתפעל געווארען פון די בזיונות נאר זיין הארץ האט איהם וועה געטוהן וואס ער זעהט אז דער שקר שטארקט זיך אויף דער וועלט ער האט אויך זיי ניט געשוויגען נאר ער האט זיי געשאסען פון דער וויטענס מיט זיינע שארפע בריעף:

דער סוף איז געוועזען אז מען האט דעם שוחט מדחה געוועזען פון זיין שטעלע און ער איז געפאהרען קיין גאליציע צו דעם יונגען רב וואס ער האט מיט איהם געהאלטען. און ער איז ביי איהם געזעסען אהאלב יאהר. דער סוף איז געוועזען מען האט דעם שוחט געטראפען ביי א עבירה רח"ל עס איז ניט פאר צו שטעלען די בושה וואס דער רב האט דער פון געהאט. און א צייט ארום האט דער רב געשריבען א בריעף צו דעם גאון ר' שלמה קלוגער אז ער וויל איהם קומען איבער בעטען דער גאון האט איהם גיענפערט אז ער מעג קומען דער רב איז געקומען און ער האט געבעטען ביי דעם גאון מחילה דער גאון האט איהם מוחל געוועזען. און א קורצע צייט איז דער רב נפטר געווארען און די גאנצע וועלט האט געזעהן דעם גאון'ס גערעכטקייט:

דער גאון האט זיך נאך ניט געהאט אב גערוהט פון דעם מחלוקת איז איהם אונטער געקומען איין אנדער מחלוקת און יאהר תר"ד איז איינגעפאלען עטליכע אהנזעדיגע מענשען פון בראד איינצופיהרען א נייעם מנהג מען זאל ניט טראגין דעם מת אויף א מטה אזוי ווי מען איז געוואהנט געוועזין ביז יעצט נאר מען האט געמאכט א שווארצען וואגען און שווארצע פערד און אזוי זאל מען פיהרען די מתים און זיי האבען דאס ניש גענואלט מגלה זיין דעם גאון ווייל זיי האבען געוויסט אז דער גאון וועט זיכער ניט מסכים זיין אויף דעם נאר ווען זיי האבען שון געהאט פארטיג דעם וואגען האבען זיי דערציילט דעם גאון וואס זיי האבען געמאכט זיי האבען געמיינט אז זיי האבען שוין געמאכט דעם וואגען וועט ער שוין גאר ניש זאגען. זיי האבען אבער געהאט א טעות ווי דער גאון האט דאס דער הערט איז ער שטארק אויף גערעגט געווארען און ער האט געזאגט אז ער וועט בשום אופן ניש דער לאזען דעם נייעם מנהג ער וועט זיך מוס- נפש זיין אזוי ווי ער פלעגט זיך שטענדיג מוסר נפש

זיין

זיין אפילו פאר א פערצייטישען מנהג די מענשען האבען אבער בעשטימט אז מען זאל נישט פאלגען דעם גאון נאר מען זאל פיהרען די מתים און דעם וואגען עס איז געווארען אין שטאדט א גרויס צו רידערניש טייל האבען געזאגט אז מען דארף פאלגען דעם גאון און טייל האבען געזאגט אז מען זאל נישט פאלגען. דער גאון האט די זאך זייער פערדראסען און ער האט ניט געוואלט פסקינען קיין שאלה און שטאדט. ממילא האבען א סאך מענשען ניט געוואלט עסין קיין פלייש די מענשען וואס זיי האבען געהאלטען די פאכט האבען פיעל געלד היזק געהאט עס האט זיך געמאכט א גרויס מחלוקת און שטאדט נאר דאס מחלוקת איז נאך געוועזען בעהאלטען מען האט זיך עפענטליך ניט געקריגט עס האט נאך געפעלט א פינק וואלט שוין געווארען א גרויס פייער. דריי וואכען איז קיינער נישט געשטארבען און שטאדט. נאך דריי וואכען איז איינער געשטארבען און מען האט איהם געפיהרט און דעם וואגען און דאס מאגיסטראט האט צו געשיקט צום גאון אז ער זאל נאך געהן נאך דעם וואגען בדי עס זאל ניט קומען צו א מחלוקת:

דער גאון איז נאך געגאנגען נאך דעם וואגען בארוועס און נאך איהם פיעל מענשען און זיי האבען געוויינט אויף דעם נייעם מנהג דער גאון איז נאך געגאנגען ביז צום טויער פון שטאדט און ער איז אהיים געגאנגען און די אלע מענשען זענען נאך געגאנגען ביז צום בית הקברות ווי זיי זענען ארויף געקומען אויף דעם בית הקברות און זיי האבען ארויס גענומען דעם מת איהם קובר זיין האבען זיי דערזעהן ווי דער מת און זיינע תכריכם זענען פערבלוטיגט זיי האבען אהנגעהויבען צו קלערען די סיבה דערפון האבען זיי פערשטאנען אז דאס איז וועיל דער מת איז געלעגען אין וואגען און דער וואגען האט זיך געוואקעלט ממילא האט זיך דער מת געווארפען און ער האט זיך צוקלאפט און פון דעם איז איהם געריגען דאס בלוט די מענשען זענען שטארק און כעס געווארען און זיי זענען געלאפען און שטאדט ארייין און זיי האבען זיך איינגעזאמעלט לעבען דער שוהל און זיי האבען געשריגען וואס שווייגען מיר און זיי האבען גיקלעהרט וואס זיי זאלען טוהן. זיי האבען בעשטימט אז זיי זאלען געהן אין שפיטאל ארייין ווי דער וואגען שטעהט און זיי זאלען צוברעכען דעם וואגען. ווי די דינער פון שפיטאל האבען געזעהן ווי דער המון לאזט זיך צו צום שפיטאל האבען זיי פערשטאנען אז זיי ווילען צוברעכען דעם וואגען האבען זיי פערמאכט די טויערן פון שפיטאל און זיי האבען מודעה געוועזען און מאגיסטראט ארייין אז מען זאל שיקען פאליציי.

דער

דער המון האָט זיך צו געלאָזט צו די טויערין און זיי האָבען געבעטען אז מען זאָל זיי אַריין לאָזען אין הויף אַריין זיי זאָלען צוברעכען דעם וואָגען ווי זיי האָבען געזעהן אַז מען עפענט זיי ניט האָבען זיי אויף געבראָכען די טויערין און זיי זענען אַריין געגאַנגען אין הויף אַריין און זיי האָבען גענומען העק און זיי האָבען זיך צו געלאָזט צו ברעכען דעם וואגען דערווייל איז אָהנגעקומען די פאליציי. דער המון איז זיך צולאפען און א טהייל פון זיי האט מען אַרעסטירט און מען האָט זיי געשלאגען און מען האט זיי איינגעזעצט ביז צום סאנד עס איז געוואָרען און שטאדט אַגרויס צורידינגעש:

די מענשען וואָס זענען געוועזען כנגד דעם גאון האָבען גע׳מסר׳ת דעם גאון צום קיסר אז דער גאון האָט געהייסען דעם המון מאכען דעם רעש און שטאָדט. דער גאון האָט אויך ניט גערוהט און ער האָט אָב געשריבען אַ ביטע צום קיסר אַז מען זאָל ניט לאָזען פיהרען די מתים אין וואָגען און ער האָט אָהנגעוויזען אַז דאָס איז כנגד התורה און נאָך דרייצעהן רבנים פון גאַליציע האָבען אָהנגעוויזען אַז עפ״ד טאָהר מען ניט פיהרען די מתים אין וואָגען און אַ קורצע צייט איז אַראָב געקומען אַ קאמיסיאָן פון זלאַטשוב אָב נעמען ביי דעם גאון פראָטאקאָל וועגען דעם ענין. דער גאון האָט זיך גאָר ניט געשראָקען און ער האָט געזאָגט אַז אפילו מען וועט איהם איינזעצען וועט ער בעטען מען זאָל איהם לאָזען אַריין נעמען ספרים און פאַפיער ער זאָל קענען אויף שרייבען זיינע חדושים און פון דעם אמת וועט ער ניט אַראָב געהן. ער וועט בשום אופן ניט נאָך געבען אַז מען זאָל פיהרען די מתים אין וואָגען. די גאַנצע שטאָדט איז געוועזען טרויעריג דער גאון האָט אָבער גאָר ניט געזאָרגט ער איז גלייך געגאַנגען צו דער קאָמיסיאָן און ער האָט זיך געזוימט דריי שעה און אויף יעדען שאלה וואָס מען האָט איהם געפרעגט האָט ער געענטפערט און ער איז אַרויס פריי און אַ קורצע צייט איז אָהנגעקומען פון וויען אַז מען טאָהר ניט פיהרען די מתים אין וואָגען און איז הערשט שטיל געוואָרען דאָס מחלוקת און עס האט זיך שוין קיינער ניט דערוואַגט זיך אַ קייגען צו שטעלען אַ קייגען דעם גאון דער גאון האט שוין צוין דאַמאלסט אהן חשק בעקומען זיך אויס צו ציהען פון בראד מען האט אים אין פיעל שטעדט געוואלט אַרויס נעמען נאָר עס האט זיך געמאַכט פערשידינע סיבות און ער האָט ניט געקענט פאָהרען. און יאָהר תר״ה האָט מען איהם אויף גענומען פאַר אַ רב און בערזאָן ניט ווייט פון בראָד ווי מען איז פון דעם געוואָהר געוואָרען אין בראָד האָט זיך די

גאנצע

גאנצע שטאדט איינגעזאמעלט צום גאון און זיי האבען איהם גיבעטין אז ער זאל פון זיי ניט אוועק און זיי האבען איהם געוואלט מוסיף זיין אויף זיין שכירות עס האט אבער גאר ניט געהאלפין ער האט זיי ניט געוואלט הערין. אין חדש אדר ראשון נאהנט פון שבת זענין אהנגעקומען עטליכע אנשים נכבדים פון ברעזאן נאך דעם גאון, האבען איהם זיינע נאהנטע גיבעטין אז ער זאל ווארטען ביז נאך שבת. מיט גרויס מוה האבען זיי דאס געפועלט. און ער איז תיכף נאך שבת געפאהרען קיין ברעזאן און ער האט געזאגט א שארפע דרשה אלע לומדים האבען זיך געוואונדערט אויף זיין גרויסקייט און זיי האבען איהם גרויס כבוד אב גיגעבען זיי זאגען פון איהם שטארק צופרידען גיוועזען און דער גאון איז פון זיי אויך שטארק צופרידען גיוועזען און ער האט געזאגט „פה אשב כי אויתיה" דא וועל איך זיצען וייל איך האב שוין לאנג געגליסט צו אזא ארט:

עס איז דאך אבער ניט אזוי ווי דער מענש טראכט. דעם צווייטען מוצאי שבת האט דער גאון מחדש גיוועזען די לבנה בעזאמען מיט א גרויסען עולם און נאך קידוש לבנה האבען די מנהגים געזונגען טובים מאורות און דער גאון איז גיוועזען זייער פריילך. נאר ער האט אבער תיכף דער שפירט א קעלט אין זיין גוף. און א שטארקען קאפף וויטאג ער האט גע־מוזט זיך אביסעל לייגען אויף דעם בעט ער האט אבער א גאנצע נאכט ניט גיקענט שלאפען ער האט געהאט שטארק היטץ. און דער פריה האט ער זיך ניט גיקענט אויף הייבין און זיין געזוכט איז איהם פערענדערט גיווארין מען האט גערופען דעם דאקטור האט ער איהם בעטראכט און ער האט גיזאגט אז ער איז שלאף אויף א טיפוס די מענשען האבען זיך דערשראקען און מען האט גערופען א גרעסערין דאקטור און דער גרעסערער דאקטור האט אויך געזאגט דאס זעלבע דעם פינפטען טאג פון זיין שלאפקייט האבען די דאקטורים געזאגט אז ער איז מסוכן עס איז דא וויניג האפנונג ער זאל געזינד ווערען. עס איז געווארען א יללה און שטאדט מען האט גיקלערט וואס מען זאל טוהן. מען האט געשיקט קיין לעמבערג נאך דעם גרעסטען דאקטור דער דאקטור האט איהם בעטראכט און ער האט אויך געזאגט אז ער איז אין א גרויסע סכנה איינער פון טויזענד בלייבט לעבין פון אזא שלאפקייט נאר וייל ער איז בטבע זייער שטארק וואס צווישען אונז גיפונט זיך ניט קיין אזא שטארקען קערפער איז דא א האפנונג אז ער זאל בלייבן לעבען

דער

דער גאון איז געלעגען און בעט אהן געדאנקען ער האט קיינעם ניט דערקענט אפילו זיין אייגינעם זוהן האט ער אויך ניט דערקענט. עס האט אַזוי געדויערט צוואָנציג טעג און די שלאַפקייט האט זיך ניט געענדערט דעם צוואָנציגסטען טאָג האָבען איהם די דאָקטוירים מייאש געוועזען זיי האָבען געזאָגט אַז דער טאָג איז זיין לעצטער טאָג פון זיין לעבען. עס איז געוואָרען און שטאָדט אַ יללה אַ געוויין די גאַנצע שטאָדט האָט זיך איינגעזאַממעלט אין שוהל אַריין און מען האָט מתפלל געוועזען און מען האָט פיעל צדקה געגעבען און פיעל צדקה מנדר געוועזען כדי דער גאון זאָל געזונד ווערען. גאָט האָט געהאָלפען און עס האָט זיך בעוויזען צייכענס פון שווייס אויף זיין שטערען און אויף זיינע פיס מען האָט תיכף גערופען דעם דאָקטור דער דאָקטור האָט איהם בעטראַכט און ער האָט געזאָגט אַז עס איז דאָ אַ האָפענונג אַז ער זאָל געזונד ווערען. אויב ער וועט שוויצען נאָך דריי טעג וועט ער זיכער געזונד ווערען נאָר מען דאַרף איהם גוט היטען ער זאָל זיין גוט צו גידעקט. ער זאָל זיך ניט פערקוהלען אַרום זיין בעט איז שטענדיג גיזעסען מענשען מען האָט איהם אָבגעהיטען ער זאָל זיין צו גידעקט. בייטאַכט האָט דער שווייס אָהנגעהויבען צו רינען פון איהם אַזוי ווי טייכען וואַסער זיין העמד און דאס בעטגיוואַנד איז נאָס געוואָרען:

און דער פריה איז איהם לייכטער געוואָרען און ער האט גיעפענט זיינע אויגען ווי ער האט גיזעהן פרעמדע מענשען זיצען לעבען איהם (ווייל די ברעזאנער מענשען זענען איהם נאך ניט געוועזען בעקאַנט) האט ער גיפרעגט ווער זיי זענען און וואס זיי פערלאַנגען פון איהם? איז זיין זוהן צו איהם צו געגאַנגען און ער האט איהם געזאגט שטילערהייט אַז ער איז אין ברעזאַן ניט אין בראָד און ווייל ער איז ניט געזונד זענען די מענשען איהם געקומען מבקר חולה זיין. דער גאון האָט גאָר ניט געזאָגט נאָר ער האָט זיך אויס געדרייט צו דער וואַנד עס איז פערביי געגאַנגען עטליכע שעה האָט ער צו גערופען זיין זוהן און ער האָט איהם געזאָגט אַז ער שפירט ביי זיך אַז ער איז מסוכן ער דאַרף האָבען גרויס רחמים און ער נעמט אויף זיך אויב ער וועט געזונד ווערען וועט ער צוריק פאָהרען קיין בראָד מען האָט איהם געוויזען פון הימעל אַז דאָ אין ברעזאַן איז ניט זיין אָרט. עס איז אַזוי פערביי געגאַנגען דריי טעג און דער גאון איז געלעגען און גרויסע יסורים פון שווייס אויף דריטען טאָג און דער פריה זענען די דאָקטוירים אריין געקומען און זיי האָבען איהם בעטראַכט און זיי האָבען

איהם

איהם בעטראכט און זיי האבען געזאגט אז ער איז שוין ניט און קיין סכנה און זיי האבען מודה געוועזען אז זיי האבען גאר ניט געטוהן נאר גאט האט געהאלפען ווען זיי זאלען עס ניט זעהן מיט זייערע אויגען וואלטען זיי עס ניט געגלויבט וויל ער איז ממש ניצל געווארען פון טוידט צום לעבען. ממילא קענען מיר שוין פערשטעהן די גרויסע שמחה וואס עס איז געוועזען אין שטאדט נור זייער שמחה איז געוועזען אויסגעמוישט מיט טרויער וויל זיי האבען געוויסט אז ער האט א נדר געטוהן אז ווען ער וועט געזונד ווערען וועט ער צוריק פאהרען קיין בראד. ווען ער איז שוין אויף געשטאנען פון בעט האט ער געשריבען קיין בראד אז מען זאל איהם שיקען א פיהר ער וויל צוריק קומען קיין בראד. די מענשען פון בערזאן האבין איהם ניט געוואלט לאזען פאהרען נאהר זיי האבען מורא געהאט וויל ער האט א נדר געטוהן ווער קען איהם שטערען. די מענשען פון בראד האבען נאך איהם געשיקט א פיהר מיט א דאקטור ווי דער דאקטור האט איהם בעטראכט האט ער געזאגט אז ער איז נאך שוואך ער קען נאך ניט פאהרען ער האט אבער ניט געוואלט פאלגען דעם דאקטור נאר ער איז תיכף געפאהרען קיין בראד. די גאנצע שטאדט פון גרויס ביז קליין זענען איהם א קעגען געגאנגען:

דער גאון איז געזעסען אין בראד אלעס בעל הבית ער איז שוין ניט גיוועזען קיין רב וויל אזוי ווי ער איז אוועק געפאהרען פון בראד האט מען אויפגענומען אויף זיין ארט א אנדערין רב און דער גאון האט איהם ניט געוואלט מסיג גביל זיין און ער האט זיך שוין ניט געמישט און קיין שטאדט זאכען. זיינע פריינד האבען אהנגעהויבען צו קלערען ווי ער וועט נעמען פרנסה. האט מען צוזאמען גערופען א גרויסע אסיפה און זיי האבען אלע מסכים גיוועזען אז יעדער איינער זאל איהם צאהלען וואכען געלד ער זאל האבען דאס זעלבע וואס פריהער בשעת ער האט גענומען שכירות פון קהל. מען האט איהם געשיקט זאגען די בשורה עס איז אפילו ביי איהם ניט גיוועזען איינגענומען נאר וואס האט ער גיקענט טוהן. הגם ער איז ניט גיוועזען קיין רב אין בראד דאך האט איהם יעדער איינער געפאלגט וואס ער האט געזאגט אזוי האט מען געטוהן:

און יאהר תרי"ח האט שוין דער גאון געוואלט זיצען במנוחה אויף זיין עלטער האט זיך אבער ווייטער געמאכט א מחלוקת וואס דאס מחלוקת האט איהם שוין ניט געגעבען קיין רוה די סיבה דערפון איז געוועזען מען האט געבראכט קיין קראקא איין מאשין צו באקען מצות האבען די ראשי

הקהל

# חכמת שלמה

הקהל בעזאַמען מיט זייער רב אָהנגעפרעגט ביי דעם גאון ר׳ שלמה קלוגער צו די מצות זענען כשר און דער גאון האָט געענטפערט אַז מען טאָהר ניט באַקען אין דעם מאַשין קיין מצות און הגאון ר׳ יוסף שאול האָט מתיר געווען צו באַקען מצות אין מאַשין און מען האָט געבראַכט קיין לעמבערג אַ מאַשין. ווי דער גאון ר׳ שלמה קלוגער האָט דאָס דערהערט האָט איהם זייער פערדראָסען און ער האָט אָב געשריבען אַ בריף להגאון רי״ש פאַר וואָס ער האָט מתיר געווען צו באַקען מצות און דעם מאַשין. דער קראָקעווער רב האָט ניט גערוהט און דער זאַך ער האָט טאַקי געוואָלט וויסען ווי אַזוי דער דין איז און ער האָט אָהנגעפרעגט ביי אַלע גדולים און זיי האָבען אַלע געענטפערט אַזוי ווי דער גאון ר׳ שלמה קלוגער און דער צדיק מצאַנז האָט געענטפערט הגם ער האָט ניט געזעהן דעם מאַשין נאָר ווייל דער גאון ר׳ שלמה קלוגער האָט גע׳אסר׳ת דאַרף מען ניט קלערען. און דער צדיק הגאון ר׳ יצחק מאיר דער חדושי הרי״מ האָט געשריבען עס איז אַ מצוה צו פאָלגען די רייד פון הגאון האמיתי ר׳ שלמה קלוגער:

און יאָהר תרי״ט האָט דער גאון אָב געדריקט אַ קונטרס און ער האָט אויס געוויזען אַז מען טאָר ניט באַקען קיין מצות און דעם מאַשין און דער גאון רי״ש האָט אויך ניט געשוויגען און ער האָט אויך אָבגעדריקט אַ קונטרס און ער האָט אויס געוויזען אַז מען מעג באַקען מצות און דעם מאַשין דאָס מחלוקת האָט אַזוי געדויערט אַ לאַנגע צייט און דער גאון ר׳ שלמה קלוגער האָט מנצח געוועזען און מען האָט די מאַשינען קיין גאַליציע ניט געבראַכט און אפילו און לעמבערג האָבען אויך פיעל מענשען ניט גענוצט קיין מאַשין מצות און דער גאון רי״ש וואָס ער האָט מתיר געוועזען די מאַשין מצות דאָך האָט ער אַליין ניט גענוצט און זיין שטוב קיין מאַשין מצות. דער גאון ר׳ שלמה קלוגער איז דערפון שטאַרק צופרידען געווען וואָס זיינע רייד זענען אָהנגענומען געוואָרען און ער האָט שוין געוואָלט זיצען במנוחה ווייל ער איז שוין געווען אַלט ער האָט שוין ניט געהאַט קיין כח. האָט זיך אָבער דאָנערשטאָג ביי טאָג געמאַכט אַ שרפה אין בראָד און די גאַנצע שטאָדט איז פערברענד געוואָרען און דאָס הויז וואָס דער גאון האָט געוואָהנט איז אויך אָבגעברענד געוואָרען און זיינע אַלע ספרים זענען פערברענד געוואָרען. און אַלע מענשען פון שטאָדט זענען געוועזען אינטער דער שטאָדט ווייל זיי האָבען מורא געהאַט אַריין צו געהן און שטאָדט אַריין צוליעב די אָבגעברענטע מויערן איז געוועזען אַ סכנה זיי וואָלטען גיט איינפאַלען און דער גאון מיט זיין בני בית האָבען געמוזט נעכטיגען

נעכטיגען אינטער דער שטאָדט אויף דעם פעלד. פרייטאָג און דער פריה דאָס פייער איז שטיל געוואָרען האָט דער גביר ר׳ יוסף נאַטענזאָהן גיהערט ווי דער גאון מיט זיין בני בית זיצען אונטער דער שטאָדט אויף דעם פעלד האָט ער געשיקט אַ קאָטש נאָך דעם גאון ער זאָל דערווייל זיין ביי איהם אין שטיב ווייל זיין הויז איז ניט אָבגעברענט געוואָרען. דער גאון איז צו געפאָהרען להגביר ר׳ יוסף נאַטענזאָהן און ער האָט באַלד אַרויס געשיקט מענשען זיכען זיינע ספרים און ער האָט גערעכענט אַז שבת וועט ער זיין ביי הגביר ר׳ יוסף נאטענזאָהן און נאָך שבת וועט ער זיך צוריק אַריין צוהען און זיין פוהריגע דירה ווייל דאָס הויז וואָס ער האָט געוואָהנט איז נאָר דער גאָהרען אָב געברענט געוואָרען און די אינטערשטע דירות ווי דער גאון האָט געוואָהנט זענען ניט אָבגעברענט געוואָרען. און ער האָט געהייסען דעם משרת אַריין טראָגען די ספרים וואָס ער האָט געפינען און זיין פוהריגער דירה אַריין. דער בעל הבית האָט איהם אָבער ניט געוואָלט אַריין לאָזען ווייל ער האָט שוין ניט געוואָלט דעם גאון אַריין לאָזען צוריק און זיין דירה אַריין. הגם ער האָט שוין געהאַט גענומען דירה געלד פאַר אַ גאַנץ יאָהר און דאָס איז געוועזען און מוטן יאָהר. דער שליח איז צוריק געקומען צום גאון מיט אַ תשובה אַז דער בעל הבית לאָזט איהם ניט אַריין. דעם גאון האָט די זאַך שטאַרק פערדראָסען און ער האָט געשיקט נאָך דעם בעל הבית און ער האָט מיט איהם צום ערשטען גירייִדט מיט גוטען ער האָט איהם געזאָגט אַז עס איז ניט קיין יושר אזוי צו טוהן. דער בעל הבית האָט ניט געוואָלט פאָלגען נאָך דעם האָט ער מיט-איהם גערייִדט מיט בייזען און עס האָט אַלעס ניט געהאָלפען דער בעל הבית האָט אַלץ דעם גאון ניט געוואָלט צוריק אַריין לאָזען ווייל ער האָט געוויסט אַז ער וועט קענען נעמען צעהן מאָהל אַזוי פיעל דירה געלד וויפיעל דער גאון האט איהם געגעבען ווייל אַסך דירות זענען אָבגיברענט געווארען גרויסע גבירים האבען ניט געהאַט ווי צו וואהנען. אַלע נכבדי העיר האָבען זיך משתדל געוועזען ביי דעם בעל הבית אַז ער זאָל צוריק אַריין לאָזען דעם גאון און דער גאון האָט איהם געוואָלט מוסיף זיין אויף דעם דירה געלד עס האָט אַלץ ניט געהאָלפען, דער גאון איז שטאַרק און כעס געוואָרען און ער האָט אָב געשריבען אַ בריוועלע צום בעל הבית אַז אויב ער וועט איהם ניט אַריין לאָזען איז ער איהם מבטיח אַז אויב ער וועט צוריק שטעלען זיין הויז וועט ער עס אָהנהייבען מיט זיין עלצטען זוהן און ער וועט ענדיגען מיט זיין יונגסטען זוהן און

זיין הויז וועט איינפאלען און עס וועט זיין חרוב און דער בעל הבית האט אויף דעם אלעמען ניט געקוקט און די קללה איז און א קורצע צייט מקוים געווארען און דעם בעל הבית. אזוי ווי ער האט אהנגעהויבען פערריכטען דאס הויז איז איהם געקומען א טעלעגראמע פון לייפציג אז זיין עלצטער זוהן איז געשטארבען און א קורצע צייט איז זיין ווייב געשטארבען און תיכף איז דער יונגסטער זוהן איהם געשטארבען און דאס הויז איז איינגעפאלען און עד היום שטעהט עס אזוי חרוב און דער מענש איז געשטארבען און ווער עס קוקט אהן דאס הויז דערמאנט זיך אז דאס איז געוועזען דורך דעם גאונ'ס קללה. עס האט אזוי געדויערט זעקס וואכען איז דער גאון געזעסען ביים דעם גביר ר' יוסף נאטענזוהן און ער האט אלעס ניט בעקומען קיין דירה הערשט און זעקס וואכען ארום האט ער בעקומען א דירה לפי כבודו און דער גאון איז דאמאלס הערשט א ביסל בעזיהגט געווארען:

און דעם זעלבען יאהר און חודש אלול איז דער גאון געפאהרען קיין הוסאטין אויף זיין זוהנס חתונה עס איז ניט מעגליך צו בעשרייבען דעם כבוד וואס דער גאון האט געהאט אויף דעם וועג דער גאנצער וועג איז געוועזען פיל מיט מענשען וואס זיי זענען געקומען מקבל פנים זיין דעם הייליגען גאון. ווי ער איז צו געקומען צו דער רוסישע גרעניץ האט מען איהם ניט גיפרעגט אויף קיין פאס און מען האט ניט בעזוכט זיינע פעקליך אזוי ווי דער שטייגער איז און מען האט איהם אריין געפיהרט אין שטאדט אריין מיט גרויס כבוד. ווען ער איז אלט געווארען זעקס און זיבציג יאהר איז ער שוין שטארק שוואך געוועזען און ער האט שוין ניט גיקענט ענטפערען יעדען איינעם באריכות על דרך פלפול נאהר אויב עס האט איהם עמיצער וואס גיפרעגט האט ער איהם גיענטפערט בקיצור. און ער האט שטארק משתוקק געוועזען אז מען זאל זיינע ספרים דריקען כדי זיין חדושי תורה זאל פערשפרייט ווערען אויף דער גאנצער וועלט און אסך ספרים זענען געדריקט געווארען נאך ביי זיין לעבען זיינע מידות זענען ניט ארויס צו שרייבען. ער איז שטענדיג בעוועזען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאר א יוד און זיין גיטקייט איז ניט משער צו זיין וואס ער האט פערמאגט האט ער צו טהיילט ארימע לייט. עס איז און ר . . . ארויס געגאנגען א גזרה אז מען זאל נעמען יודישע יונגליך פון ניין יאהר און מען זאל זיי לערנען די דיענסט כדי ווען עס וועט קומען די צייט ווען זיי וועלען דארפען דינען זאלען זיי גוט קענען די דיענסט און דער עיקר כונה איז געוועזען זיי צו מאכען

מאכען פאר אויס יודען זענען אלע יונגליך פון ר׳. אנטלאפען קיין גאליציע און צום מעהרסטען קיין בראד. אין דער גרויסער קלויז ווי דער גאון האט דארט געדאווענט איז אהנגעקומען זייער פיעל קינדער נאקוט און בארוויס הינגעריג און דארשטיג און דער גאון האט זיך בעשעפטיגט מיט זיי און ער האט זיי געגעבען צו עסין און טרינקען און ער האט זיי מלבוש געוועזען און ער האט זיי געגעבען וואס זיי האבען בעדארפען. אמאהל איז דער גאון אריין געקומען אין קלויז אריין און דער פריה האט ער געזעהן ווי דער ש״ץ האט געשלאגען א יונגעל האט דער גאון אויף איהם געשריגען מיט א קול אז די ווענד פון קלויז האבען געציטערט פון זיין געשריי און ער האט געגעבען א קנס דעם ש״ץ אז אכט טעג זאל ער ניט צו געהן צום עמוד דאווינען:

און יאהר תר״ט און דער עסטרייך אונגארישע קריג איז אדורך געגאנגען דורך בראד פאר ראש השנה רוסיש מיליטער וואס זיי זענען צוריק געגאנגען פון אונגארען און צווישען זיי איז געוועזען א ערך פון הינדערט און פופציג יודען זענען זיי אריין געקומען צום גאון און זיי האבען איהם געבעטען אז ער זאל בעטען ביי דעם גענעראל אז ער זאל זיי ערלויבען צו פערבלייבען אין בראד ביז נאך יום כיפור ווייל זיי ווילען זיין די הייליגע טעג צווישען יודען זיי זאלען קענען דאווינען און הערען שופר בלאזען גלייך ווי יעדער יוד. ווי דער גאון האט דאס דערהערט איז ער אריבער געגאנגען להגביר מאיר ריטטער און ער האט איהם געבעטען אז ער זאל מיט איהם געהן צו דעם גענעראל און זיי זאלען איהם בעטען אז ער זאל ערלויבען די יודען צו פערבלייבען אין בראד ביז נאך סוכות הגם די יודישע זעלנער האבען נאהר פערלאנגט רשות צו פערבלייבען אין בראד ביז נאך יום כיפור האט דער גאון געבעטען רשות ביז נאך סוכות דער גענעראל האט זיי צוליעב געטוהן אז די יודישע זעלנער זאלען פערבלייבען אין בראד ביז נאך סוכות נאר בתנאי אז עסען זאל די שטאדט זיי געבען דער גאון האט זיך אונטער גענומען צו געבען די יודישע זעלנער עסען ביז נאך סוכות און ער איז אהיים געגאנגען שטארק פרייליך און ער האט מבשר געוועזען די זעלנער די בשורה וואס ער האט געפוילט פאר זייערט וועגען. די זעלנער האבען איהם שטארק געדאנקט. און ער האט תיכף איינגעטהיילט די זעלנער צווישען די גבירים צו זיך האט ער גענומען דרייסיג מאן און המותר האט ער צוטהיילט צווישען די גבירים איש לפי ערכו. און דער גאון האט פאר זיי מפזר געוועזען א הון רב און ער אליין

# חכמת שלמה

איז מיט זיי געזעסען ביי דעם טיש. זיין שאַרפען שכל איז געוועזען אין לשער. עס איז אַמאָהל צו איהם אַריין געקומען צווייא בעלי דינים מיט אַשווערע דין תורה וועלכעס זיי האָבען גירעכענט אַז די דין תורה וועט דאַרפען דויערען צום ווייניגסטען אַ חודש. זיי האָבען געטענהט זייער טענות און דער גאון איז זיך גיזעסען גלייך ווי ער הערט גאָר ניט זייערע טענות ובפרט די שווערע חשבונות וואָס מען האָט בעדאַרפען צו האַלטען גוט דעם געדאַנק. ווי זיי האָבען אָב געטענהט האָט זיי דער גאון געזאָגט איהר וועט קומען מאָרגען וועט איהר הערען אייער פסק זיי זענען געקומען מאָרגען האָבען זיי געזעהן אויף אַ פאַפיר אַלע זייערע טענות מיט די חשבונות אויף געשריבען און דער גאון האָט זיי גיפרעגט צו זיי האָבען נאָך עפּיס צו טענהן און אפשר האָט ער פערגעסען וועלכע טענה אויף צו שרייבען? זיי האָבען אָבער געזעהן אַז עס שטעהט אַלעס אויף געשריבען האָבען זיי זיך זייער געוואונדערט און איינער האָט געזאָגט צום צווייטען אַז דאָס איז ניט קיין מענשליכער שכל נור אַגעטליכער שכל און ער האָט זיי געזאָגט דעם פסק און זיי זענען ביידע אַרויס געגאַנגען צופרידען. ליעבער לעזער ווען מיר זאָלען וועלען אַרויס שרייבען אַלע שבחים וואָלטען די הענד מיעד געוואָרען שרייבענדיג נור מיר שרייבען אייך נור א קיצור פון זיינע שבחים כדי יעדען מענש זאָל זיך אַרויס נעמען אַ מוסר און א דרך ווי אַזוי ער זאָל זיך פיהרען ביי זיין לעבען. דער זכות פון דעם היילינען גאון ר׳ שלמה קלוגער זאָל אויף אונז מגין זיין. ער איז נפטר געוואָרען אי׳ דר״ח תמוז שנת תרכ״ט ומנוחת כבודו בעיר בראָד תנצב״ה.